# א בריוו צו מיין רבי

# חלק ג'

## הלכה און מענטשליכקייט

### דער שטאנד פון א גוי

ביז יעצט האבן מיר ארומגערעדט איבער מאמרי חז"ל וואס רעזאלטירן נישט דוקא, אין קיין למעשה'דיגע קאנסעקווענצן.

אבער אויב וועלן מיר זיך גוט אומקוקן אויף אסאך פון די פראקטיקאלע הלכות וועלן מיר געפונען אז זיי דיסקרימינירן געפערליך צווישן פארשידענע קאטעגאריעס פון מענטשן אויף אן אופן וואס לאזט איבער גאר א שלעכטע רושם אויף עמיצער וואס לעבט אין די היינטיגע וועלט, א מיטגליד אין מאדערנע ציוויליזאציע. נעם למשל פאר א דוגמא די משנה אין מסכת יומא,(פרק ח, משניות ו-ז):

'וכל ספק נפשות [וכל נפש שספק הוא באם ניתן להצילה או לא] דוחה את השבת [מותר לחלל את השבת לשם הצלתה]. מי[שהו שיש חשד] שנפלה עליו מפולת [שבניין נפל עליו] - ספק הוא שם [מתחת להריסות] ספק אינו שם, ספק חי ספק מת, ספק עובד-כוכבים [גוי, שאין חייבים להצילו] ספק ישראל [שחייבים להצילו] - מפקחין עליו את הגל [מסלקים מעליו את ההריסות, כדי להצילו ממוות]'.

אידיש: און יעדע ספק נפשות [יעדע מענטשליכע זעהל וואס געפינט זיך אין א סכנה און אויף וועמען ס'איז נאר דא א ספק צו מ'קען זיין לעבן אפראטעווען] שטופט אוועק דעם שבת [ד.ה. מ'מעג מחלל שבת זיין און טוהן וואס נאר כדי אים אפצוראטעווען]. ווער ס'איז דא א חשד אויף אים אז ער געפינט זיך מעגליך פארכאפט אונטער א חורבה [ד.ה. א בנין איז איינגעפאלן אויף אים] און ס'הערשט א ספק צי ער איז דארט אדער נישט; אדער מ'איז נישט זיכער צי ער לעבט נאך אדער צי ער איז שוין טויט; אדער מ'איז נישט זיכער צי א עובד כוכבים [א שם כינו (צונאמען) פאר א גוי] אדער א איד [אויף וועלכן מ'מוז מחלל זיין שבת כדי צו ראטעווען פון טויט], צונעמט מען אראפ פון אים דעם איינגעווארפענעם בנין כדי אים צוראטעווען פון טויט.

לכאורה קוקט דאס אויס צוזיין גאר א פארשטענדליכע לאגישע הלכה: נישט נאר איז מען מחויב צו ראטעווען א מענטשנ'ס לעבן אפילו די שבת וועט פארשוועכט ווערן דורכדעם, נאר אפילו אויב איז דא א קליינע שאנס אז דורכ'ן צושטערן דעם שבת וועט מען פארזיכערן א צווייטע מענטשנ'ס לעבן, הייסט מען אויך מחלל שבת זיין דערויף.

אט זענען די מעגליכע ספיקות וואס קענען זיך אלץ מאכן, און וואס די משנה רעכנט אויס אז אפילו ביי אזא סארט סינאריאו ברויך מען נאך אלץ מחלל שבת זיין: 1) צו ער [די וויקטעם] איז דארט אדער נישט; 2) צו ער לעבט נאך, אדער שוין נישט; 3) צו ער איז א גוי אדער א איד.

די "פאזעטיווע" זייט פונעם ספק, וואס ערלויבט אונז עווענטועל מחלל שבת צוזיין כדי אזוי ארום אפצוראטעווען א מענטשליכע לעבן איז אז דער קרבן איז נאך מעגליך אונטער'ן חורבה, נאכאלץ ביים לעבן, און ער איז א איד. איז פשט אז "בלויז ראטעווען א אידנ'ס לעבן" ווערט אנגערופן אין הלכה "הצלת נפשות". אויב אבער למשל זאל מען וויסן א דער פארכאפטער אונטער די חרבנות איז א גוי, דאן טאר מען נישט מחלל שבת זיין אויף אויף אים -- מ'דארף אים לאזן שטארבן!

די גמרא אין עבודה זרה (דף כו ע"א) פראבירט צו ערקלערן דעם צוגאנג אזוי: וויבאלד א איד איז א שומר שבת, דערפאר מעג מען מחלל זיין דעם שבת כדי אים צו ראטעווען, א גוי אבער וואס היט נישט קיין שבת טאר מען מען אים דעריבער אויך אים אויך נישט מחלל שבת זיין כדי אים צו ראטעווען.

דער הסבר איז גאר א שוואכע. וואו מעג מען באשולדיגן די גוים -- אויף אזוי ווייט זיין דן צו זיין למיתה אויב איז עס אנגעהאנגען אין חילול שבת? זיי זענען דאך בכלל נישט אנגעווארנט אויף *שמירת שבת*? נאר א איד איז באפוילן אויף *שמירת שבת* – איז דען עטיש אויסגעהאלטן צו נוצן דאס אלס גענוגנדע סיבה פארוואס צו אסר'ן אפצורעטען א גוי פון טויט אום שבת?

דער מהלך טרעפן מיר נישט בלויז אין גמרא, אויך דער שולחן-ערוך פסקנ'ט קלאר: "א כותית [א גויטע] – טאר מען נישט ארויסהעלפן געבארן אין שבת" (אורח-חיים של, ב) דאס מיינט אז מ'מוז א גויטע -- וואס שטייט אצינד צו געבוירן א קינד -- לאזן מפקיר זיין, אפי' עס הערשט א געפאר פון טויט, פשוט נאר דערפאר וואס זי איז נישט געבוירן געווארן צו א אידישע מאמע!

נאך גאר לעצטנס אינעם פריעדיגן יארהונדערט שרייבט דער חפץ-חיים וועגן אט דער נושא:

'ודע דהרופאים בזמנינו, אפילו היותר כשרים [שומרי מצוות], אינם נזהרים בזה כלל דמעשים בכל שבת, שנוסעים כמה פרסאות [מעבר לתחום-שבת] לרפאות עובדי-כוכבים [גויים], וכותבין [מרשמי תרופות], ושוחקין סממנים בעצמן [טוחנים חומרים לתרופות]... ומחללי שבת גמורים הם במזיד, השם ישמרנו' (משנה ברורה, סימן של, ס"ק ח).

אידיש: 'און זאלסט וויסן אז די דאקטוירים היינטיגע צייטן, אפילו די ערליכע צווישן זיי [שומרי מצוות], זענען בכלל נישט געווארנט דערין, האַנס עס איז מעשים יעדן שבת אז זיי רייזן ווייטע שטרעקעס [ווייטער פונעם תחום-שבת] אויסצוהיילן גוים, און זיי שרייבן רעצעפטן, און טוען אפילו אליין צערייבן געווירצן פאר מעדעצינען... און זיי זענען געהעריגע מחללי שבתות, במזיד השם ישמרינו' (משנה ברורה, סימן של ס"ק ח).

ס'איז וויכטיג קלאר צו מאכן אז דער חפץ-חיים רעדט נישט וועגן גוים וואס האבן ממש געדינט צו דער זון, לבנה און די שטערנס, ווייל אין זיינע צייטן – אין זיין סביבה – האט שוין אזוינס מער נישט עקזעסטירט. ער נוצט בלויז א צונאמען פאר יעדן נישט-איד, און זאגט אז קיינעם פון זיי טאר מען נישט ראטעווען אום שבת אויפ'ן חשבון פון חילול שבת. (דער טיטל "עובדי-כוכבים" איז באנוצט געווארן אין די הלכה-ליטעראטור אלס א צונאמען פאר די גויים אויס מורא - נישט צו דערצערענען די גויאישע אויטאריטעטן).

נאך מער באאומרוהינד איז צוטרעפן נאך-הארבערע הלכה'דיגע פסקים בנוגע 'פרויען און קינדער', אויף פארשידענע מקומות אין די שולחן ערוך:

'ישראלית [יהודייה] לא תניק לבן עובד-כוכבים [גוי], אפילו בשכר (אלא אם כן יש לה חלב הרבה ומצערת אותה, מותרת להניקו)... ולא תיילד לעובדת-כוכבים [גויה], אלא אם כן היא ידועה למיילדת, שאז מותרת, ודווקא [רק בעבור תשלום] בשכר, ובחול [לא בשבתות וחגים]' (יורה-דעה קנד, ב).

אידיש: 'א אידענע זאל נישט גיבן צוזייגן פאר א גויאיש קינד אפילו פאר א באלוינונג (אחוץ אויב האט זי צופיהל מילך און זי האט צער דערפון, דאן מאכט מען זי א אויסנאם, און זי מעג געבן צוזייגן ס'קינד)... אזוי אויך זאל א אידענע נישט העלפן א גויאישע פרוי גיבן געבורט, אויסער ווען זי [די אידענע] איז באקאנט פאר יעדן אלס א מיילדת [א הייבאם], וואס דאן מעג זי, אויך נאר בתנאי אז זי באקומט באצאלט דערפאר, און דוקא נאר אינדערוואכן אבער נישט אין שבתות אדער ימים טובים' (יורה-דעה קנד, ב).

דא האנדלט זיך שוין נישט פון עפעס וואס איז נוגע חילול שבת, און פונדעסטוועגן דאך אסר'ט מען די אידישע פרוי צו געבן צוזייגן פאר נישט-אידישע קינדער. און אפילו אויב ווערט דאס קינד דורך דעם פאראורטיילט צו שטארבן,

נאכאלץ ברויך די איד גארנישט טאן דאס אפצוהאלטן, נאר ווען איז מותר? נאר אויב דאס זייגן וועט פארלייכטערן פאר די אידענע אירע ליידן!

עס איז אבסעלוט פארבאטן פאר די אידישקע ארויסהעלפן די גויטע געבוירן א קינד, און נאר ווען איז מותר? נאר אויב איז זי א געלערנטע הייבאם, וויבאלד אויב וועט זי זיך אנטזאגן פון העלפן די גויטע, וועט ארויסקומען דערפון א שלעכטס, פונדעם וואס די גוים וועלן נקמה נעמען, אז ווען די מעשה וועט זיין פארקערט וועלן זיי נישט ווילן ארויסהעלפן די אידישע פרויען מיט געבורט (זעה דעם ש"ך אויף שולחן ערוך, יורה דעה, סימן קנד). און אפילו דעמאלטס מעג זי אויך נאר אויב באקומט זי באצאלט דערפאר – טוהן א חסד בלויז אלס מענטשליכע נאטור פון גוטס טאן מיט א צווייטן מענטשן, אדער זארגן פאר א צווייטן מענטשנ'ס לעבן, פארנעמט קיין פלאץ נישט, ווען עס קומט צו נישט-אידן.

שטעלט זיך יעצט די פראגע: מיר זעהן דאך היינטיגע צייטן מיט אונזערע אייגענע אויגן, אידישע דאקטורים, וועלכע היטן אפ די מצות, און וועלכע היילן און גיבן הילף פאר נישט-אידישע קראנקע פאציענטן אלע טעג פון יאהר – וואכן, שבתות און ימים טובים. וואו איז מותר געווארן פאר זיי דאס צוטאן? א תשובה אויף דעם געפונען מיר אין די כתבים פון הרב עובדיה יוסף (שו"ת יביע אומר, חלק ח' – אורח חיים, סימן לח):

'נמצינו למדים שבזמנינו, שיש חשש ליותר מאיבה בעלמא, ואם יימנעו רופאי ישראל מלטפל בחולים נוכרים בשבת, ויניחום למות בחולים, יש בזה אף פיקוח נפש של ישראל, כי בהיוודע הדבר לרופאים גויים, יחדלו אף הם מלטפל בחולים יהודים'.

אידיש: 'לערנען מיר אז היינטיגע צייטן ווען ס'איז דא א גרעסערע ציטער פון סתם פיינטשאפט מצד די גוים, און אויב וועלן אידישע דאקטורים צוריקהאלטן זיך פון באהאנדלען גוי'אישע חולים אין שבת, און זיי לאזן שטארבן, וועט זיין דארום א פיקוח נפש אויך פאר די אידן, ווייל ווען די גוי'אישע רופאים וועלן זיך דערוויסן דערפון וועלן זיי אויכעט זיך צוריקהאלטן פון מטפל זיין זיך מיט אידישע פאציענטן'.

איז קלאר פון דא, אז די איינציגסטע סיבה פארוואס מיר ראטעווען אויכעט גוים פון טויט, איז צוליב דער חשש אז אויב וועלן מיר זיך מונע זיין פונדעם וועט עס שאדן טוהן פאר אידישע לעבנס. פשט, אז ס'וועט זיך נישט האבן געלוינט דער שכר פון אפהיטן דער שבת קעגן דער פארלוסט פון אידישע לעבנס.

האבן מיר פריער געזען אז דער הסבר פון די גמרא פארוואס מ'טאר נישט אויסהיילן גוים אום שבת איז וויבאלד זיי היטן נישט דעם שבת. וועט אבער זיין אינטרעסאנט צו לערנען אינעם רמב"ם, הלכות מלכים (י, ט), וואס ס'געשעט צו א גוי וואס האט זיך אים פארגלוסט צו היטן דעם שבת אקארדינג צו די הלכה כללים:

'עכו"ם [גוי] ששבת [ביום השבת, ו]אפילו ביום מימות החול, אם עשאהו לעצמו כמו שבת, חייב מיתה' (הרמב"ם, הלכות מלכים י, ט).

אידיש: 'א גוי וואס האט געהיטן שבת, אפילו אויב איז דאס געווען סיי וועלכע טאג אינמיטן די וואך – אויב האט ער זיך געפירט אין דעם טאג אזוי ווי א איד פירט זיך אין שבת, קומט זיך אים מיתה'.

די מקור פון די דאזיגע הלכה איז א גמרא אין סנהדרין (דף נח ע"ב), און דארט איז רש"י מסביר אזוי:

'נוכרי [גוי] ששבת [לא עשה מלאכה בשבת]... דלא לכוון לשבות [אסור לו להימנע מעשיית מלאכה] כגון בשבת, שהוא יום שביתה לישראל... אלא מנוחה בעלמא קא אסר להו [גם כל מנוחה אחרת אסורה עליהם], שלא יבטלו ממלאכה, ואפילו יום שאינו בר-שביתה [ימים א-ו בשבוע]'.

אידיש: ווען די גמרא זאגט 'גוי ששבת' מיינט דאס אז ער האט נישט געטוהן קיינע מלאכות אין שבת... ד.ה. לאו דוקא ווען ער האט דוקא אינזינען צוהיטן דעם אידישן-שבת, נאר אפילו סתם רוהען לשם רוהען טאר ער נישט. דאס מיינט אז נישט נאר טאר א גוי נישט רועהן אין דעם טאג פון שבת – וואס איז א אידישע רוה-

טאג... נאר אפילו סתם א רועהן אינמיטן וואך מעג ער אויך נישט. זיי טארן נישט רועהן פון זייער ארבעט אפילו דורכאויס די אנדערע 1-6 טעג פון די וואך.

הייסט עס אז די באציהונג, אין הלכה, צו גוים איז נאך ערגער ווי צו בהמות – א בהמה וואס ליגט אונטער א איד'ס רשות איז מחויב צו רוהען אום שבת לויט ווי ס'שטייט אין די עשרת-הדיברות.

אויך ווען ס'האנדלט זיך אין דינים פון פארמעגנס דערקענט זיך קלאר אויס די אום-גערעכטיגקייט אנטקעגן די גוים:

'שור של ישראל [יהודי] שנגח לשור של עובד-כוכבים [גוי] – פטור [היהודי לא חייב כסף לגוי]... ו[שור] של עובד-כוכבים שנגח לשור של ישראל - בין [אם מדובר בשור] תם [שלא ידוע כמזיק] בין מועד [שור שידוע כמזיק] - משלם [הגוי ליהודי] נזק שלם' (משנה, בבא קמא ד, ג).

אידיש: 'א אקס פון א איד וואס האט געשטויסן א אקס וואס געהערט צו א גוי – איז פטור פון באצאלן געלט פאר'ן גוי... און א אקס פון א גוי וואס האט געשטויסן א אקס פון א איד - סיי אויב איז עס געווען נאר די ערשטע מאל, ד.ה. ער איז נאכנישט באקאנט אלס א שעדיגער און סיי אויב איז עס שוין יעצט נאך אפאר מאל, און ער איז שוין באקאנט פאר יעדן אלס א מזיק - באצאלט דער גוי פאר'ן איד דאס גאנצע שאדן'.

דער רמב"ם אין הלכות נזיקין (ח, ה), פראבירט צו פארענטפערן דעם הלכה און ער באצייכנט זי ווי א קנס אויף די גוים וועלכע זענען אום-אחריות'דיג (וויבאלד זיי האבן נישט גענוג אובאכט געגעבן זייערע בהמות נישט מזיק צו זיין אנדערע). אבער דאס איז גאר א שוואכע תירוץ, נאך וואס ס'איז קלאר אז די הלכה אין בבא קמא באציהט זיך צו יעדן גוי, איבעראל, צו יעדע צייט – אפגעזען וויאזוי דער, צו יענער גויאישע פאפולאציע, באהאנדלט זיינע בהמות. און דער שולחן-ערוך (חושן-משפט סימן תי, סעיף א) באציהט זיך צו דעם דאזיגן פסק הלכה פון אט די משנה מיט א פשטות – אהן דערמאנען אפילו סיי וועלכע רעזערוואציע בנוגע קנסות, די מאס אחריות פון די גוים אדער וועלכעס אנדערע גורם.

ס'איז כדאי צובאמערקן אז ר' מנחם דער מאירי (בית החבירה, אויף בבא קמא לז ע"ב) שרייבט איבער דעם נושא:

"לפי מה שנאמר בגמרא [מדובר] דווקא בעממים שאינם גדורים בדרכי דתות ונימוסים... הא כל [העמים] ששבע מצוות [בני-נח] בידם, דינם אצלנו כדיננו אצלם, ואין נושאין פנים בדין [ואין אפליה לטובה] לעצמנו. ומעתה, אין צריך לומר שכן [הוא] באומות הגדורות בדרכי דתות ונימוסים".

אידיש: "לויט ווי מ'זעהט אין גמרא, רעדט זיך עס דוקא ביי אזעלכע פעלקער וואס זענען נישט געבינדן צו געזעצן פון רעליגיע און עטיקס... אבער טאקע אויב איז עס אזעלכע פעלקער וואס היטן די זיבן מצות פון די בני-נח, איז די דין ביי זיי די זעלביגע ווי ביי אונז, און מען טאר נישט נושא פנים זיין בדין צו אונזער טובה [ד.ה. מ'טאר נישט דיסקרימינירן אין אונזער פעיוואר אין לעגאלע געביטן], און אוודאי איז איבעריג צוזאגן אז די זעלבע איז געזאגט געווארן ביי אזעלכע אומות וואס זענען געבינדן צו רעליגעיזע און עטישע געזעצן".

מיט דעם אלעם זענען די ווערטער פון דעם מאירי אומפארשטענדליך, נאכוואס אין מכילתא דרבי ישמאל (מסכתא דנזיקין פרשה יב) שטייט דאך טאקע דאס: "וכי ייגוף שור איש את שור רעהו" (שמות כא, לה) – "רעהו", להוציא שור של נוכרי, שור של כותי, שור של גר תושב'.

אידיש: אין פסוק שטייט 'אויב וועט עמיצנ'ס אקס שטויסן די אקס פון זיין חבר' – זאג איך אז די ווערטער, "זיין חבר" – קומט אונז לערנען אז נאר אויב איז עס זיין 'חבר' – א אנדערע איד! אויסצושליסן אן אקס וואס געהערט צו א **גוי**, א **כותי** אדער צו **א גר תושב**.

א "גר תושב" איז אזא סארט גוי וואס אנערקענט אין די אויטאריטעט פון די תורה און ער האלט איין די זיבן מצות בני-מח – און טראצדעם ברויך א איד אים נישט קאמפענסירן אויף די שאדנס וואס ער האט אים פאראורזאכט.

נאך איז וויכטיג צוצולייגן, דאס דער מאירי'ס פסק איז לגמרי נישט אנערקענט ביי רוב ראשונים, און דער שולחן-ערוך דערמאנט בכלל נישט זיין שיטה.

נאכמער פון דעם, די הלכה'דיגע איסור פון אויספאפן א צווייטן, טוענדיג ביזנעס מיט יענעם, גייט בכלל נישט אהן ביי א גוי.

לאמיר זעהן אינעם רמב"ם הלכות מכירה (יב, א):

'אסור למוכר או לקונה להונות [במעשה הונאה/מירמה] את חבירו, שנאמר "וכי תמכרו ממכר לעמיתך, או קנה מיד עמיתך, אל תונו איש את אחיו" (ויקרא כה, יד)... ובין שהונה במזיד, בין שלא ידע שיש במכר זה הונייה, חייב לשלם' (הרמב"ם, הלכות מכירה יב, א).

אידיש: 'ס'איז אסור פאר א פארקויפער אדער א קויפער אפצונארן זיין חבר, ווי ס'שטייט אין פסוק "אז דו וועסט מאכן געשעפטן מיט דיין חבר, פארקויפן אדער אפקויפן, זאלט איר נישט אפנארן איינער זיין אנדערן ברודער"... און סיי אויב האט ער [דער קויפער אדער פארקויפער] אפגענארט במזיד, סיי אויב האט ער נישט געוואוסט אז מיט דעם געשעפט נארט ער יענעם אפ, איז ער מחיוב צו באצאלן'

'העכו"ם [גוי] אין לו הונייה [אינו נכלל באיסור ההונאה], שנאמר: "[אל תונו] איש את אחיו", ועכו"ם שהונה את ישראל מחזיר הונייה [נותן פיצוי] בדינין שלנו [של התורה]' (רמב"ם, הלכות מכירה יג, ז).

אידיש 'ביים גוי איז נישטא קיין איסור הונאה [ער ווערט נישט אריינגערעכנט אין די דינים פון אויסנארן א צווייטן אין ביזנעס], ווי ס'שטייט אין פסוק "איר זאלט נישט אפנארן א ברודער", אבער א גוי וואס נארט אויס א איד ברויך קאמפענסירן דעם איד לויט אונזערע דינים' (רמב"ם הלכות מכירה יג, ז).

און אויך דער שולחן-ערוך וואלידירט דעם פסק-הלכה אין חושן-משפט (רכז, כו).

חז"ל האבן אויך געפסקנ'ט אז די מצוה פון "לא תרצח" איז נישט אקטועל כלפי די גוים:

'נתכוון להרוג את הבהמה והרג את האדם, [התכוון להרוג] נוכרי והרג את ישראל, [התכוון להרוג] נפלים [רך נולד, החסר יכולת לשרוד], והרג בן-קיימא [בעל יכולת לשרוד] – פטור [מאחריות ועונש]' (משנה, סנהדרין ט, ב).

אידיש: 'אויב האט א מענטש אינזינען געהאט צו הרגענען א בהמה און בטעות האט ער געהרגעט א מענטש; ער האט אינזינען געהאט צו הרגענען א גוי, און בטעות האט ער געהרגעט א איד; א נפל [א פריה געבוירן קינד וואס האט ווייניג שאנסן איבערצולעבן], און ער האט בטעות געהארגעט א בן-קיימא [עמיצער וואס קען יא איבערלעבן] – איז ער אויף די אלע פטור סיי פון אחריות, סיי פון א עונש.

איז די ספר יראים סימן קעה מסביר אזוי:

'דבעי [צריך] שיתכוון לדבר [לרצח, ואז] חייב. ואינה נקראת רציחה שלא בישראל [אם לא רצח יהודי], דכתיב: "אשר ירצח את רעהו" (דברים ד, מב). רציחת רעהו [היהודי] נקראת רציחה, בעובד-כוכבים [גוי] – אינה נקראת רציחה'.

אידיש: ווייל כדי אים צו קענען באשולדיגן מיט א מעשה רציחה דארף ער האבן געהאט בכוונה צו ווען הארגענען. אויב אבער הארגעט ער נישט קיין איד, ווערט עס נישט אנגערופן 'רציחה', ווי ס'שטייט "אשר ירצח את רעהו" – נאר אויב הארגעט ער זיין חבר - דער איד, דעמאלטס הייסט עס רציחה, אבער ביי א עובד כוכבים – א גוי, ווערט עס נישט אנגערופן רציחה'.

אין ליכט פונדעם איז גאר קיין וואונדער נישט דאס די רמ"א פסקנ'ט ווי פאלגענד (אין די הגהות הרמ"א אויף שולחן-ערוך, יורה דעה קנח,א): "מותר היה לנסות רפואה [תרופות] ב[חולים בני] אחד משבעה העממים [גויים], [כדי לראות] אם תועיל".

אידיש: "מ'מעג אויספרובירן רפואות צו זעהן אויב זיי העלפן – אויף איינע פון די זיבן פעלקער [גוים].

כלומר, א איד מעג אדורכפירן מעדיצינישע עקספערימענטן אויף גוים אהן זייער וויסן אדער הסכמה.

(דער טערמין "שבעה עממים-זיבן פעלקער" איז מער א שיינע לשון געגוצט צו באצייכענען די גוים. די ארגינעלע באדייט דערפון האט געמיינט די זיבן פעלקער וואס האבן געוואוינט אין כנען, בעת ווען די אידן האבן איינגענומען ארץ-ישראל, און אויף זיי שרייבט דער רמב"ם, 350 יאהר בעפאר די רמ"א, אין הלכות מלכים ה,ד: "כבר אבד זכרם- עס איז שוין פארלוירן געגאנגען א זכר פון זיי", און ווידעראום די שולחן-ערוך און רמ"א האבן זיך אפגעגעבן מיט'ן אוועקשטעלן בלויז הלכה-פסקים אקטועל פאר די צייטן אין וועלכע זיי האבן געלעבט – איז ממילא קלאר אז ווען זיי האבן געזאגט "שבעה עממים" האבן זיי נישט נאר געמיינט די זיבן פעלקער פון כנען בשעת כיבוש הארץ, נאר זיי האבן קלאר זיך באצויגען צו יעדן גוי וואס היט נישט אפ די זיבן מצות בני-נח. דאס באנוצן זיך מיט דעם טערמין "שבעה עממים" האט פשוט געשטאמט פון די שטענדיגע ציטער וואס די אידן האבן אלעמאל, פון די צערענונגען מצד די גויאישע הערשאפטן, אזוי ווי אויבן ביי "עובדי כוכבים").

אקארדינג צו הלכה איז אפילו פארבאטן צו געבן א מתנה פאר א גוי, אדער אים צו לויבן פאר זיינע גוטע מעשים:

'"לא תחָנֵם" – לא תיתן להם חנייה בקרקע. דבר אחר: "לא תחָנם" – לא תיתן להם חן. דבר אחר: "לא תחָנֵם" – לא תיתן להם מתנות חינם' (תלמוד בבלי, עבודה זרה כ ע"א).

אידיש: "לא תחנם" – איר זאלט דעם גוי נישט געבן לאנד-ארבטייל. א אנדערע פשט: "לא תחנם" – איר זאלט נישט געבן חן פאר'ן גוי. א דריטע פשט: "לא תחנם" – איר זאלט דעם גוי נישט געבן אומזיסטיגע מתנות'.

די באפעהל פון "לא תחנם" (דברים ז, ב), איז לפי די פשוט'ע פשט פון פסוק, בלויז געזאגט געווארן בנוגע די זיבן כנענישע פעלקער אין די צייטן פון דאס איינעמען ארץ-ישראל דורך די בני-ישראל. און מיט דעם אלעם, האבן די שפעטערדיגע פוסקים באשטימט אז מ'דארף דער הלכה באשטימען צו אלע גוים, אין אלע צייטן:

'ומפני מה אין מוכרין [מקרקעין] להן [לגויים]? שנאמר: "ולא תחָנֵם" (דברים ז, ב) - לא תיתן להם חנייה בקרקע, שאם לא יהיה להם קרקע, ישיבתן ישיבת עראי היא, וכן אסור לספר בשבחן, ואפילו לומר 'כמה נאה עובד-כוכבים [גוי] זה בצורתו', קל וחומר שיספר בשבח מעשיו, או שיחבב דבר מדבריהם, שנאמר: "ולא תחָנֵם" - לא יהיה להם חן בעיניך, מפני שגורם להידבק עימו וללמוד ממעשיו הרעים, ואסור ליתן להם מתנות חינם' (הרמב"ם, הלכות עבודת-כוכבים י, ד).

אידיש: 'און פארוואס פארקויפט מען נישט קיין לאנד [קרקע] פאר די גוים? ווייל ס'שטייט "ולא תחנם" – דו זאלסט זיי נישט געבן צו ארבן לאנד, ווייל אז זיי וועלן נישט פארמאגן לאנד, וועט זייער בירגעשאפט זיין ציטווייליג. אזוי אויך, איז אסור צופארציילן אין זייער לויב, און אפילו זאגן 'ווי שיין איז דער גוי'ס צורה' איז אויך אסור; א קל וחומר, אוודאי און אוודאי אז מ'טאר נישט רעדן אין זיין לויב, אדער ליב האבן און חשוב האלטן זיינע וועגן, ווי ס'שטייט: "ולא תחנם" – דו זאלסט נישט צולאזן זיי זאלן באקומען חן אין דיינע אויג, ווייל דאס וועט צופירן דו זאלסט זיך חבר'ן מיט אים און אפלערנען זיך פון זיינע שלעכטע מעשים, און אויך איז אסור זיי צוגעבן מתנות'.

ענליכע פסקים קען מען טרעפן אין שולחן-ערוך (יורה-דעה סימן קנא, סעיפים ח, יא, יד).

א איד טאר נישט געבן סיי וואספארא חפץ פאר זיין שכן א גוי אלס מתנה (אפילו ווען ס'איז עפעס וואס ער קען סיווי נישט נוצן פאר זיך, ווי צום ביישפיהל נישט כשר'ע עסן). און דאס איז נאכנישט אלץ, א איד מעג אויך נישט

רעדן גוטס אויפ'ן גוי, אויך אויב האט דער גוי אסאך מעשים טובים געטוהן דורכאויס זיין לעבן, אריינגערעכנט געראטעוועט אידישע לעבנס.

אויך ווען עמיצער איז געבוירן געווארן א גוי, און האט זיך מגייר געווען צו אידישקייט ווערט ער צו געוויסע ענינים נאכאלץ דיסקרימענירט אקעגן, אין פארגלייך צו עמיצער וואס איז געבוירן געווארן א איד. און אזוי ווערט געברעגנט אין מדרש תנאים אויף דברים (יז, טו):

'אין מעמידין מלך מקהל גרים, אפילו אחר כמה דורות, עד שתהא אימו מישראל [יהודייה מלידה]... תשים עליהם כל משימות שאתה משים [תמנה בני-אדם בעמדות סמכות] – [אבל] לא יהו אלא [רק] מקרב אחיך [יהודים מלידה]'.

אידיש: 'מ'טאר נישט אויפנעמען א אידישע קעניג פון צווישן גרים, אפילו נאך אסאך דורות, ביז ווילאנג זיין מאמע וועט זיין א איד פון געבורט... [מער פונדעם] צו סיי וועלכער פאזיציע פון אויטאריטעט מעגסטו בלויז שטעלן עמיצער פון צווישן דיינע ברודער [ד.ה. אידן פון געבורט]'.

נישט נאר גרים, נאר יעדערער וואס פון זיין מוטערליכע אפשטאם -- פארמאגט ער ערגעצוואו ארויפציהר א גיורת -- ווערט פון אים צוגערויבט די זכות אמאל צו קענען אפוינטעד ווערן צו סיי וועלכער שטעלע וועלכע וועט אים שענקן אויטאריטעט איבער א אידישער ציבור. פאלגנד איז דער רמב"ם אין הלכות מלכים (א, ד):

'אין מעמידין מלך מקהל גרים, אפילו אחר כמה דורות, עד שתהיה אימו מישראל [יהודיה מלידה], [שנאמר:] "לא תוכל לתת עליך איש נוכרי, אשר לא אחיך הוא" (דברים יז, טו), ולא למלכות בלבד אלא לכל שררות שבישראל, לא שר צבא לא שר חמישים או שר עשרה, אפילו ממונה על אמת המים שמחלק ממנה לשדות, ואין צריך לומר דיין או נשיא שלא יהא אלא מישראל, שנאמר: "מקרב אחיך תשים עליך מלך" (שם) - כל משימות שאתה משים [כל בני-האדם המתמנים בעמדות סמכות] לא יהו אלא [רק] מקרב אחיך [יהודים מלידה]'.

אידיש: 'מ'שטעלט נישט קיין קעניג אויף די אידן פון צווישן גרים, אפילו נאך אסאך דורות, ביז ווילאנג זיין מאמע וועט זיין א ישראלית פון געבורט, ווי ס'שטייט: "דו ווערסט נישט קענען געבן א הערשער אויף דיר, א גוי וואס איז נישט דיין ברודער", און נישט נאר צו דער קעניגרייך נאר צו אלע אויטאריטיוו פאזיציעס ביי אידן – נישט קיין טשיף איבער פופציג סאלדאטן; צען, אדער אפילו א ממונה געשטעלט צופארזיכערן אז די וואסער קאנאלן טוען דיסטריביוטן די וואסער צו די פעלדער, און מ'דארף אפילו נישט זאגן אז מ'קען פון זיי [גרים] נישט שטעלן א דיין, אדער א נשיא איבער די אידן, ווי ס'שטייט: "פון צווישן דיינע ברודער זאלסטו שטעלן אויף דיר א קעניג" - פאר אלע פאסטענעס [וואס דו שטעלסט איבער ישראל] זאלסטו אויסוועהלן קאנדידאטן בלויז פון צווישן דיינע ברודער [אידן פון געבורט].

א אנדערע דוגמא צו די באציהונג צו גרים אין הלכה איז -- ביי די פאל וואס א מענטש באשמוצט זיין ווייב און פארשפרייט א שלעכטע נאמען [מוציא שם רע] אין פובליק, אז זי איז באגאנגען זנות און געהאט געשלעכט מיט א צווייטן, בשעת'ן זיין פאר'קנסנ'ט צו אים [תקופת האירוסין]:

אלזא שטייט אין פסוק, אז ווען ס'שטעלט זיך ארויס דאס ס'איז א ליגנט געווען איז דער שטראף זיינער:

"וענשו אותו מאה כסף, ונתנו לאבי הנערה, כי הוציא שם רע על בתולת ישראל, ולו תהיה לאישה, לא יוכל לשלחה כל ימיו" (דברים כב, יט).

אידיש: און מ'קנסנ'ט אים, דאס ער ברויך באצאלן הונדערט זילבערנע שקלים, און גיב דאס צו די מיידל'ס פאטער, ווייל ער האט פארשפרייט א שלעכטע נאמען אויף א אידיש מיידל, און זי זאל זיין צו אים פאר א פרוי, ער קען איר נישט פארשיקן אגאנצן לעבן.

'"ונתנו לאבי הנערה" - פרט ל[נערה שאימה] גיורת, שהיתה הורתה שלא בקדושה [שאמהּ הרתה לפני שהתגיירה], ולידתה בקדושה [וילדה אחרי שהתגיירה], שאין לה מאה כסף [שאין לשלם לאביה מאה כסף עבור השם הרע שהוצא לה]" (ספרי דברים רלז).

אידיש: "און גיב דאס צו די מיידל'ס פאטער" – אויסצושליסן א מיידל וואס איר מוטער איז א גיורת, וואס דאן איז איר שוואנגערן געווען שלא בקדושה [אומ-הייליג – וויבאלד די מאמע איז טראגעדיג געווארן מיט איר נאך בעפאר'ן זיך מגייר זיין] און איר געבוירן ווערן – מיט קדושה, זאג איך אין אזא פאל אז מען דארף איר טאטע נישט באצאלן קיין הונדערט זילבער-שקלים.

'כל נערה, שאין לה [שאין לשלם עבורה] קנס [עונש כספי], אם נאנסה או נתפתתה, כך [גם] המוציא עליה שם רע, פטור מן המלקות ומן התשלומין. וכן [זהו הדין אצל] הנוכרית שנתגיירה והשפחה שנשתחררה פחותה [בגיל] מבת שלוש שנים. אפילו היתה הורתה שלא בקדושה [אמהּ הרתה לפני שהתגיירה] ולידתה בקדושה [וילדה אחרי שהתגיירה], המוציא עליה שם רע פטור מן הקנס ומן המלקות, שנאמר: "כי הוציא שם רע על בתולת ישראל". [הפטור תקף רק] עד שתהיה [גם] הורתה ו[גם]לידתה בקדושה' (הרמב"ם, הלכות נערה בתולה ג, ח).

אידיש: "יעדע יונג מיידל וואס דאס מאנס [רעיפן] זיין, אדער סעדוסן [צורעדן] איר, טראגט נישט מיט זיך קיין געלט-שטראף, איז מען אויך פטור אויף איר -- פון צובאקומען מלקות [שלעק] אדער פון באצאלן קנס -- אויב לאזט מען ארויס א שם-רע אויף איר. און דאס זעלבע דין וועט אנגיין ביי א מיידל - א גויטע, וואס האט זיך מגייר געווען, אדער א דינסטין וואס איז באפרייט געווארן - פאר'ן ווערן דריי יאהר אלט. אפילו אויב איז זי געבוירן בקדושה, אויב איז איר מוטער אבער, פארשוואנגערט געווארן שלא בקדושה, איז די הלכה אז אויב לאזט עמיצער ארויס אויף איר א שלעכטע-נאמען, איז ער פריי פון קנס אדער מלקות, ווייל ס'שטייט אין פסוק: "ווייל ער האט ארויסגעלאזט א שלעכטע שם-רע אויף א "אידיש מיידל". [לערנט אונז דער פסוק, מ'איז נישט חייב] ביז ווילאנג סיי איר שוואנגערדיג באנעם, און סיי איר געבוירן ווערן, וועלןביידע זיין - בקדושה'.

## דער שטאנד פון 'א פרייער'

נישט נאר "עובדי כוכבים" -- אדער צו זיין מער פונקטליכער, אלע גוים, אהן א קשר צו זייערע גלויבונגען אדער פירונגען, -- זאגט מען אז "אינם קרויים אדם – זיי קענען נישט אנגערופן ווערן מענטשן". נאר אפילו א הלכה'דיגע כשר'ע איד, מעג אויך אין געוויסע פעלער באהאנדלט ווערן אויף אַן אוממענטשליכן אופן. די תלמוד פסקנ'ט בפירוש: 'נוכרי [גוי] ורועי בהמה דקה – לא מעלין, ולא מורידין' (סנהדרין נז ע"א).

אידיש: 'גוים און פאסטוכער פון בהמה דקה – זאל מען נישט ארויפברענגען אדער אראפנידערן'

איז רש"י מסביר: 'לא מעלין אותם מן הבור להצילם מן המיתה, ולא מורידין אותם לבור להמיתם בידיים [על-ידי דחיפה]'. "מ'טאר זיי נישט ארויפברענגען פונעם גרוב זיי צורעטען פון טויט, און אויך נישט אראפנידערן אין גרוב זיי צו טייטן ממש בידיים [דורכן אריינשטופן למשל].

לויט רש"י, מיינט א "פאסטוכער פון בהמה דקה", א איד וואס איז געוואוינט צו זינדיגן. ווי למשל דורכן לאזן פאשען זיינע שאף אין פרעמדע פעלדער – א טאהט וואס ווערט פאררעכנט אלס גזל.

לויט דער תלמוד מעג מען נישט ראטעווען דאס לעבן פון א איד, אויב איז ער געוואוינט אפילו צו אזעלכע קליינליכע חטאים ווי 'פאשענען זיינע שעף אין פרעמדע פעלדער'. נישט פארגעסן אז מ'רעדט נישט דא פון א איד וואס באגייט שווערע עבירות, ווי צום ביישפיהל מארד, אד"ג.

ווי איז בכלל מעגליך אז דאס זאל פארשטיין ווערן צו רעפלעקטירן בעיסיק מאראליטעט?

און מ'דארף מדגיש זיין אז דא רעדט זיך בלויז פון א איד וואס איז א מאמין אבער מיט דעם אלעם איז דא געוויסע מצוות וואס ער איז עובר אויף זיי. דאקעגן א סעקולארע איד, וואס איז א כופר אין אלעם, צו אים דארף מען זיך

פיהלפאכיג הארבער באנעמען. און דאס אלץ לויט די פסקים פון אונזערע גרעסטע גדולי הפוסקים, א שטייגער ווי דער רמב"ם און דער שולחן-ערוך:

'והאפיקורסין, והן שכופרין בתורה ובנבואה מישראל [יהודים] – מצווה להורגן: אם יש בידו כוח להורגו בסייף [חרב] בפרהסיה [במקום ציבורי], הורג; ואם לאו – יבוא עליהן בעלילות [בעורמה] עד שיסבב [יגרום] הריגתן. כיצד? ראה אחד מהן שנפל לבאר, והסולם בבאר – קודם [מקדים] ומסלק הסולם, ואומר לו: הריני טרוד להוריד בני מן הגג, ואחזירו לך, וכיוצא בדברים אלו [וכמובן אינו מחזיר את הסולם בחזרה]'.

'אבל הגויים שאין בינינו ובינם מלחמה, ורועי בהמה דקה מישראל [יהודים], וכיוצא בהן – אין מסבבים [גורמים] להן המיתה, ואסור להצילן, אם נטו למות, כגון שראה אחד מהן שנפל לים – אינו מעלהו, שנאמר "לא תעמֹד על דם רעך" (ויקרא יט, טז), ואין זה "רעך"' (הרמב"ם, הלכות רוצח ושמירת נפש ד, י-יא).

די אפיקורסים, אדער די וואס גלייבן נישט אין די תורה, און די נביאים, איז א מצוה צו הרג'נען, אויב קען ער זיי הרג'נען בפרהסיא מיט א שווערד, הרג'ע! אויב נישט, זאל ער אנווענדן אלע טריקס, ביז ער וועט צופירן צו זייער טויט, למשל אויב זעט ער איינעם אריינפאלן אין א ברונען, און ס'איז דא א לייטער אינעווענדיג, זאל ער זיך יאגן ארויסצונעמען דעם לייטער, מיט'ן תירוץ אז ער דארף עס פאר זיין זוהן אים צוהעלפן אראפקריכן פון דאך, אבער ער ברענגט אים עס אט צוריק. וכדומה.

אבער אזעלכע פעלקער וואס מיר זענען נישט אין מלחמה צושטאנד מיט זיי, אדער אידישע פאסטוכער פון בהמה דקה און זייערס גלייכן – איז מען זיי נישט גורם דעם טויט, אבער מ'טאר זיי נישט ראטעווען פון טויט, אויב למשל זעט מען איינער פון זיי אריינפאלן אין טייך – ברענגט מען אים נישט ארויף, ווי ס'שטייט דוקא "לא תעמֹד על דם רעך" (ויקרא יט, טז) און דער איז נישט "רעך- דיין חבר".

איז לאמיר מאכן א סך הכל: על פי הלכה טאר א איד נישט ראטעווען פון טויט - צוויי סארטן גרופעס פון מענטשן.

איינע איז א גוי וואס האט נישט זוכה געווען צו ווערן געבוירן צו א אידישע מאמע, און די צווייטע - א איד וואס איז א פאסטוך פון שאף פאר פרנסה, און געבט נישט געוואג אובאכט נישט צו פאשען אין פרעמדע פעלדער. דערנאך איז דא א דריטע גרופע אין די באפעלקערונג וואס מיר אידן זענען מחויב זיי צו הארגענען. דאס זענען אזעלכיגע אידן וואס זייערע אמונות זענען אנדערש ווי אונזערע (און הגם כאטש נישט זיי הארגענען אין די עפענטליכקייט, איז לפחות זאל מען זיי אריינארן און אזוי פאנגען אין פאסטקע, כדי גורם צו זיין אז צום סוף זאלן זיי געהארגעט ווערן, און דאס למרות קיינער פון זיי האט אונז קיין שלעכטס געטאן). וואספארא הסבר מעגליך קענען מיר געבן פאר דיזע הלכות? כ'בין פארשטייט זיך פולשטענדיג ביים זינען אז די היינטיגע רבנים, אפילו די פרומסטע פון זיי, ווילן נישט זייערע מענטשן זאלן אנהויבן דורכפירן א שחיטה איבער פרייע אידן, איז לאמיר א קוק טאן וואס דער חזון-איש פסקנ'ט אין זיין פירוש יורה-דעה (סימן ב, ס"ק טז) איבער דעם ענין:

'ונראה דאין [שאינו בתוקף] דין מורידין [המחייב הריגת חילונים] אלא בזמן [ש]השגחתו יתברך גלויה, כמו בזמן שהיו ניסים מצויין, ומשמש בת-קול, וצדיקי הדור תחת השגחה פרטית הנראית לעין-כל, והכופרים אז הוא בנליזות [סטיות] מיוחדות בהטיית היצר לתאוות והפקרות. ואז היה ביעור רשעים גדרו של עולם [חיסול רשעים היוה הגנה על העולם], שהכל ידעו כי הדחת הדור [הובלתו בדרך הרע, רחוק מדרכי התורה] מביא פורענויות [אסונות] לעולם, ומביא דֶּבֶר וחרב ורעב בעולם – אבל בזמן ההעלם [הסתר-פנים של האל מעמו], שנכרתה האמונה מן דלת העם, אין במעשה הורדה [של הכופרים לבור לשם הריגתם] גדר הפירצה [הגנה בפני הרע] אלא הוספת הפירצה [הוספה לרע], שיהיה בעיניהם כמעשה השחתה ואלימות, חס-וחלילה. וכיוון שכל עצמנו לתקן [נועדנו], אין הדין נוהג בשעה שאין בו תיקון, ועלינו להחזירם [את הכופרים] בעבותות אהבה, ולהעמידם בקרן אורה במה שידנו מגעת'.

אין פרייע איבערזעצונג: היינטיגע צייטן ווי מ'זעט נישט אפן דער יד השם, און מ'זעט נישט די שלעכטס וואס זינד ברענגט פאר די וועלט. וועלן אזעלכע ווילדע מעשים נאר קאליע מאכן, וויבאלד די פרייע וועלן

אונז באשולדיגן אלס מערדער, דערפאר בלייבט נאר פאר אונז זיי צו פרובן מיט 'ליבשאפט' מחזיר בתשובה זיין און זיי צוריק ברענגען אזוי ווייט, וויפיל מיר קענען. משא"כ אמאל ווען מ'האט אפן געזען די יד השם, און דאך האבן זיי זיך אפגעקערט, דאס הייסט א "ספעציעלע הפקרות".

הגם איך פארשטיי די מאטיוואציעס פון דער חזון-איש זיך אפצושאקלען פון למעשה דורכצופירן די דאזיגע הלכות וועלכע רופן צו רציחה, איז אבער זיין ערקלערונג מיט וואס ער באנוצט זיך – א זינלאזע. ער פראבירט צו מאכן א צווישנשייד פון פארשידענע תקופות אבער לאגיש גערעדט האט ער זיך נישט אויף וואס צו פארלאזן.

רעכט אז מ'קען אפשר רעדן וועגן ניסים און 'הערן גאט'ס שטימע' אין די תקופה פון נביאים, אדער שפעט'סטנס אין די צייטן פון די תלמוד, אבער אין די תקופה פון דער רמב"ם?? זיכער נישט אין די צייטן פון דער מחבר (שולחן-ערוך)! און וואס קומט אויס איז, אז דער חזו"א אנולירט א קלארע פעסטגעשטעלטע הלכה וואס מ'האט אנגענומען לדורות – נאר וועגן דעם וואס עס שטייט אצינד אין קאנפליקט מיט דעם מענטשליכן מאדערנעם בליק אויף די וועלט, אפילו אין די אויגן פון פרומע שומרי תורה ומצות אידן.

אבער א בראך! דער חזון איש האט בלויז גענוצט דער זיסער מליצה פון "עבותות אהבה-קייטן פון ליבשאפט" בלויז אויף צו געבן א היתר פארוואס מ'ברויך נישט בייזוויליג הארגענען פרייע אידן. אין אנדערע ערטער באציהט ער מען זיך צו זיי ווי צו א פרעמדע פאלק אינגאנצן: מ'מעג ראטעוועון זייערע לעבנס אין שבת נאר צוליב די סכנות וואס די רעליגעיזע ציבור שטייט אויס צו ליידן פון די פרייע ציבור אויב וועט מען זיך פירן אנדערש. (שו"ת ציץ אליעזר, ח, טו; מסה "משיבת נפש" ו), זייערע עדות איז ווערטלאז (שו"ת אגרות משה, א, אבן-העזר סימן פב), וויין וואס זיי רירן אן – טאר מען נישט טרונקען (שם, ד, יורה דעה סימן נח), און א פרייער וואס איז געווארן רעליגעיז מעג זיך אפגט'ן פון זיין פרייע פרוי אהן באצאלן די סכום פון די כתובה (שו"ת יביע אומר, ג, אבן-העזר סעיף כא). און פארשטייט זיך אז קיין איינער פון אלע פוסקים היינטיגע צייטן איז נישט איינגעפאלן צוזאגן אז דער פרינציפ פון "קייטן פון ליבשאפט" זאל אויך אנהייבן זיין אנווענדבאר אויף גוים, אנשטאט זענען די אלע נעגעטיווע אוממענטשליכע הלכה געזעצן געגן זיי – נאכאלץ געבליבן אין קראפט, די זעלבע ווי בעפאר.

## די שטאנד פון 'די פרוי'

א אנדערע קאטעגאריע פון צווישן די פאפולאציע, וועלכע ליידן זיך שטארק צוזאם א איבריגע פארציע פון דיסקרימינאציע -- אין די ראמען פון הלכה -- זענען פרויען.

ווי מיר קענען זעהן אין די ערשטע פאר משנה'ס פון מסכת קידושין:

'האשה נקנית בשלוש דברים...נקנית בכסף, בשטר, ובביאה...'

'עבד עברי נקנה בכסף ובשטר...'

'עבד כנעני נקנה בכסף ובשטר ובחזקה...'

'בהמה גסה נקנית במסירה, והדקה – בהגבהה...'

אידיש: 'די פרוי ווערט אפגעקויפט אויף דריי וועגן... זי ווערט געקויפט מיט געלט; קאנטראקט; און דורך אינטערקורס....'

'א אידישער קנעכט ווערט אפגעקויפט מיט געלט אדער א קאנטראקט...'

'א גויאישער קנעכט ווערט אפגעקויפט מיט געלט; קאנטראקט; און חזקה...'

'א בהמה גסה (גרויסע בהמה, ווי צוביישפיהל א קיה, א פערד) ווערט אפגעקויפט דורך דערליווערי, און א בהמה דקה (דינע בהמה, ווצבש א ציגעלע, שעפעלע) דורכ'ן אויפהייבן.

אקארדינג צו די הלכה, ווערט "הייראט" געזען ווי א סארט אקט וואס דערמיט טוט די מאן אפקויפן די פרוי צו זיך. און דערפאר טוט די גמרא אויסרעכענען דיזע איינהאנדלונגס געזעצן, צוזאמען מיט אלע אנדערע איינקויף געזעצן, וועלכע זענען נוגע צום איינקויפן קנעכט, שאף; רינדער וכדומה.

אזוי שטייט אין מסכת ברכות (דף נז ע"ב): "שלושה מרחיבין דעתו של אדם. אלו הן: דירה נאה, ואשה נאה, וכלים נאים".

**אידיש:** "דריי זאכן בארוהיגן דעם דעת פון א מענטש: א שיינע דירה, א שיינע פרוי, און שיינע קליידער."

דא אויך ווערט די פרוי פאררעכנט ווי א חלק פון דעם מאנ'ס פארמעגן, אינאיינעם גלייך מיט זיין הויז און קליידונג. און ווי נאר א פרוי איז פארהייראט ווערט זי טאקע גאר שטארק בארגרעניצט, אפילו למשל ווען עס קומט צו אזעלכע בעיסיק מענטשליכע רעכטן ווי צו באזיצן פראפערטי:

'מציאת האשה [ברחוב], ומעשה ידיה [שכר עבודתה] – [שייכים] לבעלה. וירושתה [שקיבלה היא] – הוא אוכל [משתמש ב]פירות [ברווח מהירושה] בחייה. [כסף שקיבלה כפיצוי על] בושתה ופגמה [פגיעה גופנית] – שלה. רבי יהודה בן בתירה אומר: בזמן ש[פגמה] בסתר [אינו נראה לעין כל], לה [ראוי לקבל] שני חלקים [2/3 מהפיצוי], ולו – אחד [1/3 מהפיצוי]; ובזמן ש[פגמה] בגלוי [נראה לעין כל], לו [ראוי לקבל] שני חלקים [2/3 מהפיצוי], ולה – אחד [1/3 מהפיצוי]. [הפיצוי] שלו – יינתן מייד [בידו]. ו[הפיצוי] שלה – יילקח [תיקָנה] בהן קרקע, והוא אוכל פירות [את הרווח מהקרקע]' (משנה, כתובות ו, א).

**אידיש:** דאס וואס א פרוי טרעפט אדער פארדינט פאר איר ארבעט געהערט פאר איר מאן, און אויב האט האט זי באקומען א ירושה עסט דער מאן די בענעפיטן דערפון, אזוי לאנג ווי זי לעבט. געלטער וואס זי באקומט אלס קאמפענסאציע ווען עמיצער האט איר פארשעמט אדער געשעדיגט באלאנגט צו איר. רבי יהודה בן בתירה זאגט: אויב איז די שאדן געשעהן אויף א צוגעדעקטע טייל פון איר קערפער זאל זי באקומען צוויי חלקים פון די קאמפענסאציע געלט [2/3 פון די תשלומין] און ער – איינס [1/3 פון די תשלומין]; אויב איז די שאדן אבער, אויף א אויפגעדעקטע ארט אין איר קערפער, דאן באקומט ער צוויי חלקים פון די געלט, און זי בלויז איין חלק.

פשט, אלצדינג וואס א פרוי פארדינט, אדער אפילו וואס זי טרעפט אויפ'ן גאס – גייט אריבער צו איר מאן. א ירושה וואס זי באקומט ווערט טאקע פאררעכנט איר'ס, אבער די פארדינסטן פון די ירושה געהערן ווייטער פאר די מאן. אויך ווען ס'איז צו איר געשעהן א שאדן – פיזיש צו גייסטיש דאן זאגט רבי יהודה בן בתירה אז דער דיפענדענט ברויך באצאלן א חלק פון די פארגיטיגונגס געלטער פאר איר מאן. און די פארגיטיגונגס פאר די מאן מוז ער תיכף באצאלן, אבער די פארגיטיגונס פאר די פרוי דארף מען אינוועסטירן אין לאנד, און אלע רווחים דערפון גייט ווידער צום מאן! און די סיבה פארוואס די מאן ווערט בארעכטיגט צו א חלק פון די פרוי'ס פארגיטיגונגס געלט, איז ווי ס'ווערט געברענגט אין גמרא מסכת כתובות סו ע"א "אשתו גופיה הואי", "די פרוי איז זיין אייגן קערפער"! (כמובן אז אינערגעץ שטייט נישט פארקערט, דאס די מאן איז די פרוי'ס קערפער).

און די הלכה ווערט טאקע געפסקנ'ט ווי רבי יהודה בן בתירה:

'החובל [הפוגע] באשת איש – השֶבֶת [הפיצוי עבור אבטלתה מעבודה], והריפוי [והפיצוי עבור הוצאות ריפוי] – [ניתנים] לבעלה; ו[הפיצוי עבור] הצער – שלה; ו[הפיצוי עבור] הבושת והנזק, אם ב[איבר] גלוי הוא, כגון שחבל

בפניה ובצווארה או בידה וזרועותיה, השליש [מהפיצוי] – שלה ושני שלישים – לבעל, ואם ב[איבר נ]סתר הוא הנזק, השליש – לבעל וב' שלישים – לאשה' (שולחן-ערוך, אבן-העזר פג, א).

אידיש: אויב פארוואנדעט עמיצער א פארהייראטע פרוי ברויך ער באצאלן די קאמפענסאציע -- פאר די אויסגאבן פון די רפואות און פאר די צייט וואס זי האט געפעהלט פון די ארבעט -- פאר איר מאן; און די קאמפענסאציע פאר די צער ער האט איר פארשאפט – פאר איר. די קאמפענסאציע פאר די פארשעמונג און פאר די אייגענטליכע שאדן זאג איך אזוי: אויב איז דער שאדן אויף א אפענע חלק אין איר קערפער, למשל אויב האט ער געשעדיגט איר פנים, האלדז, האנט אדער ארעמעס, איז א דריטל פאר איר און צוויי דריטל פאר די מאן. אבער אויב איז די שאדן אויף א פארדעקטן פלאץ אין איר קערפער, איז א דריטל פאר'ן מאן, און צוויי דריטל פאר די פרוי.

אמת, אז חז"ל האבן באפוילן אז די לוין פון די פרוי געהערט צו דער מאן נאר א אלס א חלק פון א געמיינזאמע געשעפט, דאס הייסט אז דער מאן מוז צו די זעלבע צייט זיך פארפלוכטן אז ער וועט צושטעלן מזונות פאר זיין ווייב; און אויב וויל זי קען זי טערמינירן דעם סעטלמענט און דער מאן קען איר נישט אפהאלטן:

'מעשה ידיה [שכר עבודתה, שעליה לתת לבעלה, הוא] כנגד מזונותיה [תמורה עבור המזון שמקבלת מבעלה]. לפיכך אם אמרה: איני ניזונית [אינני לוקחת מזון או דמי מזונות מבעלי] ואיני עושה [ואינני נותנת לו את שכר עבודתי], שומעין לה... אבל הבעל שאמר: איני זנך, ואיני נוטל מעשה ידיך, אין שומעין לו' (שולחן-ערוך, אבן-העזר סט, ד).

אידיש: 'אירע מעשי ידיה [פארדינסטן פון איר ארבעט] איז אין אויסטויש פאר די מזונות וואס זי ערהאלט פון די מאן. דערפאר אויב זאגט זי: "איך וויל מער נישט געשפייזט ווערן, און איך וויל מער נישט ארבעטן", הערט מען צו איר צו... אבער א מאן וואס זאגט: "איך שפייז דיך נישט מער, און איך נעם נישט דיינע געהאלטן", הערט מען אים נישט צו'.

אבער אנבאלאנגט אלע אבידות וואס א פרוי טרעפט, האבן די חז"ל יא געפסקנ'ט אז דאס געהער פאר'ן מאן אהנע תנאים, ווי די גמרא זאגט אין בבא מציעא (דף יב ע"ב): "בכדי שלא תשרור טינה בינו לבין אשתו" – "כדי ס'זאל נישט הערשן א פאראיבל צווישן אים און זיין פרוי". א מאדנע אופן, אז דו פרעגסט מיר, ווי אזוי צו סעטלען פאמיליע קריגערייען, דער געדאנק "קאנסעקוואנט גענצליך אוועקצושענקען, חלקים פון דעם פארמעגן – פון איין פאמיליע מיטגליד – צו דאס אנדערע"

## פרויען ווערן אויך דיסקרימינירט אינעם תחום פון גיטין

'אינו דומה האיש המגרש לאשה המתגרשת, שהאשה יוצאת לרצונה ושלא לרצונה [כפיית גט], והאיש אינו מוציא [נותן גט] אלא לרצונו' (יבמות קיג ע"ב).

אידיש: 'דער מאן וואס גט זיך, איז נישט גלייך מיט די פרוי וואס גט זיך, ווייל די פרוי קען אפגע'גט ווערן סיי צי זי וויל יא און סיי צי זי וויל נישט, אבער א מאן גיבט נישט קיין גט נאר אויב ער וויל' (גמרא יבמות קיג ע"ב).

'ועשרה דברים הן עיקר הגירושין מן התורה... שלא יגרש האיש אלא ברצונו' (הרמב"ם, הלכות גירושין א, א).

אידיש: 'און צעהן זאכן זענען מאנדאטארי פאר א גט צו געשעהן, אקארדינג צו די תורה...אז דער מאן זאל נישט געבן א גט נאר אויב ס'איז זיין ווילן אזוי'.

ביי עניני גירושין איז נאר דער רצון פון די מאן דאס וואס מאכט אויס; די פרוי האט קיין שום זכות נישט צו צוברעכן איר הייראט, אדער פארמיידן איר הייראט פון צעבראכן ווערן. און הגם רבינו גרשום האט געפסקנ'ט אין די 10-טן יארהונדערט אז א מאן וואס גט אפ זיין פרוי געגן איר ווילן זאל מען לייגן אין חרם, איז די

דיסקרימינאציע נאכאלץ א אנגייענדע. איינע פון די שווערסטע פראבלעמען וואס קומען ארויס אדאנק דיזע הלכות איז ווען אין רעזולטאט פון א קריג אדער נאטורליכע קאטאסטראפעס, ווערט דער מאן פארשוואונדן, ווילנדיג צו אומווילנדיג, און דאן כדי צו קענען ווידער חתונה האבן מוז די פארלאזטע פרוי (עגונה-איינגעבונדענע) צוקומען צו א גט וואס נאר איר מאן מעג איר שענקען. און אויף אזא פאל איז די פרוי מעגליך צו פארבלייבן אן עגונה, איר גאנצע לעבן, נישט קענענדיג חתונה האבן צו קיינעם אין די וועלט. ווי ס'האט טאקע פאסירט צו טויזנטע אידישע פרויען במשך הדורות און אפילו ביזן היינטיגן טאג נאך, וועלכע זענען אנגעקומען צו דארפן מיטמאכן אזעלכע סארטליידן.

## נאך א פעלד אוואו מען דיסקרימינירט אקעגן פרויען איז די עסק פון ירושה

אט זעהט דעם רמב"ם אין הלכות נחלות (א, א-ג):

'סדר [ירושת] נחלות [קרקעות] כך היא: מי שמת, יירשוהו בניו, והם קודמין לכל, והזכרים קודמין לנקבות'.

**אידיש:** 'די סיסטעם פון ארבן לאנד ארבעט אזוי: ווען עמיצער שטארבט, ירש'ענען אים זיינע קינדער, און זיי זענען פריוויליגירט (קומען פאר) בעפאר סיי וועמען; די זכרים [מענער] זענען פריוויליגירט בעפאר די נקיבות [פרויען]'.

'בכל מקום אין לנקבה עם הזכר ירושה [כשלזכר זכות לירושה, אז אין הנקבה יורשת במקומו], אם אין לו בנים [רק בנות] יירשנו אביו, ו[אם אין לו אבא חי] אין האם יורשת את בניה, ודבר זה מפי הקבלה [המסורת]'.

אידיש: 'יעדנפאלס, טוט א פרוי נישט ירש'ענען דארט ווי א זכר טוט ירש'ענען [ד.ה. אז אויב האט דער זכר א זכות צו ירש'ענען קען נישט די נקיבה ירש'ענען אנשטאט אים]. אויב האט ער נישט איבערגעלאזט קיין זוהן [נאר טעכטער] זאל אים זיין טאטע ירש'ענען, און אויב זיין טאטע לעבט שוין נישט, קען נישט די מאמע ירש'ענען אירע קינדער, און דער הלכה האבן מיר מיט טראדיציע-על פי קבלה [מסורה]

'וכל הקודם בנחלה [המועדף בירושת הקרקעות] יוצאי ירכו [צאצאיו] קודמין. לפיכך מי שמת, בין איש בין אשה, אם הניח בן - יורש הכל, לא נמצא לו בן [שאינו חי] לעולם מעיינין בזרעו של בן [בודקים באילן יוחסין שלו] אם נמצא לבנו זרע, בין זכרים בין נקבות, אפילו בת בת בת בנו עד סוף העולם [בכל דורות ההמשך] היא תירש את הכל. [אבל אם] לא נמצא לו זרע בן, חוזרין אצל הבת, [אם] היתה לו בת, תירש את הכל' (הרמב"ם, הלכות נחלות א, א-ג).

אידיש: און יעדער וואס איז פריוויליגירט אין א ירושה, זענען זיינע אפשטאמלינגען [קינדער און קינד'ס קינדער] אויכעט פריוויליגירט. דעריבער ווען איינער שטארבט, סיי א מאן צי א פרוי, איז אויב האט ער איבערגעלאזט א זוהן – ירשנ'ט ער אלץ, אויב האט ער נישט איבערגעלאזט א לעבעדיגע זוהן, זוכט מען נאך צווישן זיינע אייניקלען און אזוי אראפציהר, אויב געפינט מען אז זיין זוהן האבט איבערגעלאזט קינדער, סיי זכרים סיי נקבות, אפילו א טאכטער פון א טאכטער פון א טאכטער פון דער טויטנ'ס זוהן, ביז סוף כל הדורות, זאל זי, -- דער אור אור אור אייניקל-טאכטער -- ירשנ'ען אלעס. אויב אבער האט דער טויטער'ס זוהן נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, דאן קערט מען זיך אום צום טויטנ'ס טאכטער, אויב האט ער, און זי ירשנ'ט אלץ.

נישט נאר ירשנ'ט נישט א טאכטער קיין זאך פון איר פאטער, נאר אפילו אויב האט זי א ברודער וואס לעבט שוין נישט, אבער האט איבערגעלאזט ערגעצוואו א אור אייניקל – א מיידל, וועט די לעצטע אלצדינג ירש'ענען, וויבאלד זי איז די איינציגסטע אפשטאמלינג פונעם טויטנ'ס זוהן.

ווען די זוהן האט א דין קדימה לגבי ירושה מער פונעם טאכטער, ווייזט דאס אויף א דיסקרימינאציע אקעגן די טאכטער, אבער דאס אז אפילו די טאכטער, אראפ דריי דורות, האט נאכאלץ א דין קדימה מער פון די שוועסטער פונעם זוהן [פון דער נפטר], דאס איז שוין טאקע שווער צו פארשטיין.

אצינד לאמיר אריבערגיין צו עניני ירושה וואס איז נוגע צווישן א מאן און א פרוי:

'האשה אינה יורשת בעלה כלל, והבעל יורש את כל נכסי אשתו' (הרמב"ם, הלכות נחלות א, ח).

אידיש: 'די פרוי ירשנ'ט בכלל נישט די מאן, און די מאן ירשנ'ט זיין פרוי'ס אלע פארמעגנס'.

זעען מיר אז וואס שייך אייגענטום האט די פרוי ממש נישט קיין רעכטן, אבער ווען עס קומט צו פערזענליכע באציהונגען טוען אונזערע מקורות אין הלכה איר באהאנדלען ווי א קנעכטין צו איר מאן:

'ואין הנקבה נחשבת בבריאה, שאינה אלא כדבר הטפל אל העיקר [הגבר], ולקוח ממנו ולצורך תשמישו. והוא שקראוה רבותינו ז"ל "זנב" (ברכות סא ע"א)' (שו"ת הרשב"א א, סימן ס).

**אידיש:** 'אין די פרוי פארמאגט נישט קיין אייגענע ווערט אין די וועלט-באשאף, ווייל זי איז נישט מער ווי א טפל [צושפייז] צום עיקר [הויפט וועזן-דער מאן], מ'האט זי גענומען פון איר, און זי איז דעזיינד אים צו באדינען. און דערפאר האבן אונזערע רבי'ס זכרונם לברכה איר אנגערופן "ווידל"...

'[אשה שיש לה] ארבע [משרתים] יושבת בקתדרא [כורסא, אינה צריכה לעבוד במשק-ביתה]. אמר רב יצחק בר-חנניא אמר רב הונא: אף-על-פי שאמרו "יושבת בקתדרא", אבל מוזגת לו [לבעלה] כוס ומצעת [ומסדרת] לו את המיטה, ומרחצת לו פניו, ידיו ורגליו' (מסכת כתובות סא ע"א).

**אידיש:** א פרוי וואס פארמאגט פיהר באדינערינס מעג זיצן אין איר וויג-שטיהל [פשט, אז זי דארף נישט ארבעטן אין שטוב]. האט רב יצחק בר-חנניא נאכגעזאגט פון רב הונא: טראצדעם וואס מ'האט געזאגט אז זי קען זיצן "אינעם וויגשטיהל", ברויך זי פונדעסטוועגן נאכאלץ אנגיסן דעם כוס פאר איר מאן, אים איבערציען די בעט און אים אפוואשן זיין פנים, זיינע הענט און זיינע פיס.

'כל אשה רוחצת לבעלה פניו, ידיו ורגליו; ומוזגת לו את הכוס; ומצעת [ומסדרת] לו את המיטה (ויש אומרים דמחוייבת להציע כל מיטות הבית). ועומדת ומשמשת בפני בעלה, כגון שתיתן לו מים או כלי או שתיטול מלפניו, וכיוצא בדברים אלו'...

אידיש: 'יעדע פרוי זאל אפוואשן די פנים, הענט און פיס פון איר מאן; אים אנגיסן דער כוס; און מסדר זיין די בעט (און ס'איז דא אזעלכע וואס זאגן אז זי מוז איבערציען 'אלע' בעטן פון די הויז). און זי דארף שטיין און באדינען איר מאן, א שטייגער ווי אים ברענגען וואסער, אדער צוברענגען כלים און געצייג אויב דארף ער, און עס דערנאך איבערנעמען פון אים, און דאס גלייכן אלע אנדערע זאכן.

'מלאכות אלו עושה אותן היא בעצמה, ואפילו היה לה כמה שפחות, אין עושין מלאכות אלו לבעל, אלא אשתו' (שולחן ערוך, אבן-העזר פ, ד-ה).

אידיש: 'די דאזיגע מלאכות דארף זי אליינס טוהן, אפילו אויב האט זי א צאל דינסטן, זאלן די דאזיגע אלע זאכן געטוהן ווערן בלויז דורך זיין פרוי.

'כל אישה שתימנע מלעשות מלאכה מן המלאכות שהיא חייבת לעשותן [כדי לשרת את בעלה] – כופין אותה ועושה, אפילו בשוט' (הרמב"ם, הלכות אישות כא, י).

אידיש: 'יעדע פרוי וואס וועט אפהאלטן פון טאן די אלע ארבייטן וואס זי איז פארפליכטעט צו טאן [כדי צו באדינען איר מאן] צווינגט מען איר זי זאל דאס טאן, און אפילו מיט א ריט'.

'אבל גנאי הוא לאישה שתהא יוצאה תמיד [מביתה, לשוטט] פעם בחוץ, פעם ברחובות. ויש לבעל למנוע אשתו מזה, ולא יניחנה לצאת אלא כמו פעם אחת בחודש או פעמיים בחודש, כפי הצורך, שאין יופי לאישה אלא לישב בזווית ביתה' (הרמב"ם, הלכות אישות יג, יא).

אידיש: 'אבער ס'איז א שאנדע פאר א פרוי שטענדיג ארויסצוגיין פון הויז [שפאצירן] אמאל אינדרויסן, אמאל אין די גאסן. און עס ליגט אויפ'ן מאן ער זאל זען אפצוהאלטן זיין פרוי פון דעם. ער זאל איר נישט לאזן ארויסגיין נאר איינמאל אדער צוויי מאל א חודש, געוואנדן וויפיהל ס'איז נייטיק. ווייל ס'נישטא קיין שענערס פאר א פרוי ווי צו זיצן אינדערהיים אין א ווינקל.

'אמרו רבותינו ז"ל: אין לך כשרה בנשים אלא אישה שעושה רצון בעלה' (שולחן-ערוך, אבן-העזר סט, ז).

אידיש: 'האבן אונזערע רבי'ס ז"ל געזאגט: ס'נישטא קיין מער כשר'ע פרוי ווי אזא איינע וואס טוהט די רצון פון איר מאן'.

היינטיגע צייטן פארשטייט זיך איז נישטא געווענליך קיין מענער וואס זאלן באהאנדלען זייערע פרויען ווי באדינערינס, און דורכאויס די לעצטיגע 200 יאהר האט דער דורכשניטליכע רעליגעיזע מאן באהאנדלט זיין פרוי אסאך בעסער ווי די גויאישע שכנים זיינע באהאנדלען זייערע ווייבער – אבער דאס ווייזט נאר אז דער אידישער מאן איז געוואן און איז נאכאלץ פיהל מער ארנטליך און סענסעטיוו צו די פרוי ווי די אידישע הלכה זעלבסט – איז צו די פרוי. פיהלע נייע תקנות און רעגלואציעס זענען אריינגעברענגט געווארן אין די לעצטיגע יארהונדערטס, -- וואס טוען בייפאסן די פריערדיקע עיקרי תורה/הלכה'דיגע פסקים וואס טוען פארשווערן דעם פראצעדור -- וועלכע האבן געשאנקען פאר די פרוי בעסערע פריוויליגיעס אין ירושה פראצעדורן. דיזע אנשטרענגונגען האבן טאקע גענאסן א שיין ביסל הצלחה און זיי האבן פארלייכטערט דעם צוגאנג, אבער זיי טוען זיך נאכאלץ נישט אפגעבן מיט'ן ווארצל פונעם פראבלעם, אויב ס'עקזעסטירט בכלל א מאראלישע בארעכטיגונג צו די אלע ארגינעלע הלכות.

אזוי אויך זענען פרויען נישט ערלויבט צו לערנען תורה (אויסער די דיני הלכה וואס באציעהן זיך צו זיי), און דער וואס לערנט מיט א פרוי תורה שבעל-פה שטייט אויף מיט אים: "כל המלמד בִתו תורה, כאילו מלמדה תיפלות [דברי פריצות וגסות]" (שולחן-ערוך, יורה-דעה רמו, ו). "דער וואס לערנט אויס זיין טאכטער תורה, איז ווי ער זאל איר אויסלערנען פריצות". שטייט אויף דעם (שולחן-ערוך, יורה-דעה רמו, ו) אז פון דא לערנט מען ארויס דאס פרויען קענען נישט געשטעלט ווערן אלס דיינות אדער פוסקות הלכה, ד.מ. מ'קען זיי נישט ממנה זיין אויף צו פסק'ען שאלות אין הלכה (שם, חושן-משפט ז, ד). און מער פון דעם, בדרך כלל קענען זיי אויך נישט קומען עדות זאגן אין בית דין (שם, לה, יד).

דער רמב"ם (הלכות מלכים א, ה) פסקנ'ט אויך אז בעסער איז דאס פרויען זאלן בכלל נישט אויפגענומען ווערן אויף צו סיי וועלכע ציבורישע פאסטן, און רוב פוסקי-הלכה היינטיגע צייטן נעמען אן ווי אים. אין אשכנזישע קהילות איז מען זיך נוהג צו אסר'ן פרויען צו שחט'ן אדאנק א אור אלטער מנהג, וואס האט אפי' נישט קיין מקור אינעם תלמוד (זעה: די רמ"א, יורה-דעה א, א). פרויען זענען אויכעט אסור צו לייענען אין א תורה בציבור, "מפני כבוד הציבור" – "צוליב די כבוד פונעם עולם [לייך: מענער]" (שולחן-ערוך, אורח-חיים רפב, ג).

מ'קען מער נישט טענה'ן היינט אז פרויען ברויכן אוועקצושטיין פון די סארט שטעלעס וויבאלד זיי זענען נישט מסוגל זיי אויסצופירן, ווייל מיר זעען מיט די אויגן פרויען-סייענטיסטן, וועלכע פארנומען זיך מיט סייענטיפישע פארשונגען פון נאטור, סאציאלע סייענסעס און גייסט וויסענשאפט, אויב אזוי פארוואס זאלן זיי נישט אויכעט מעגן לערנען תורה? היינט צוטאגס זענען פרויען, ריכטער און אדוואקאטן אין ציווילע געריכט הייזער, ווי אויך זענען זיי געהעריג אקצעפטירט אויפצוטרעטן פאר עדות . און די געריכט-הייזער, נאך אלעם, פונקציאנירן נאך אזוי גוט ווי די רבנישע בתי דינין – ובכן, פארוואס זאלן מיר זיי אסר'ן צו זיין ריכטער אדער כשר זיין פאר עדות?

פרויען זענען מיטגלידער אין די לעגיסלאטיווע קערפערשאפטן און זיי האבן שוין אויך געדינט אלס פריים-מיניסטער פון לענדער, וועט עס טאקע אזוי געפערליך זיין אויב זיי וועלן אויכעט דינען אין די רבנישע היערארכיע, באשטימען הלכה געזעצן אדער דינען אין אדמינאסטריווע אמטן? פרויען זענען כירורגן – איז פארוואס זאלן מיר ממשיך זיין זיי נישט צו ערלויבן אדורכצופירן די רעליגעיזע שחיטה ריטואלן? און פארוואס

זאל א היינטצייטיקער מענטש עס אנקוקן ווי א פערזענליכע פארשעמונג אויב זאל ער הערן קריאת התורה פון א פרוי אין שוהל?

דער שולחן-ערוך (יורה-דעה שעג, ד) פסקנ'ט, אז א כהן מעג זיך נישט מטמא זיין מיט'ן זיין אנוועזנד ביי זיין טאכטער'ס לויה אין פאל ווען מ'האט זי מאנס (גערעיפט) געווען אדער סידוסט.

נישט גענוג אז זיין טאכטער איז אריבער אזא שרעקליכע איבערלעבעניש, ווערט ער נאך באשטראפט אז ער מעג זיך נישט באטייליגן - ווי א נאנטער קרוב וואלט - ביי איר לויה? פארשטענדליך אז אויב וואלט זיך עס גערעדט פון א כהן – א זכר – וואס איז גערעיפט געווארן (וואס איז אויך נישט קיין אויסגעשלאסענע געשעהעניש), אדער אויב איז ער זעלבסט אן אכזריות'דיגע רעיפיסט, דעמאלטס מאכט מען קיין שום שווערינקייטן – און זיין טאטע דער כהן וועט מעגן אהן קיין פראבלעם זיך מטמא זיין דורכ'ן זיך געהעריג באטייליגן ביי זיין לויה. ס'וועט אים אפילו גאר פאר א מצוה גערעכנט ווערן.

אויך האט מען איינגעשטעלט גאר הארבע באגרעניצונגען אויף וויאזוי פרויען מעגן גיין געקליידעט: די דיכטן, די ארעמעס, אפילו זייערע האר ווערט פארערכנט ווי 'ערווה' אויב זענען זיי שוין פארהייראט (זעה: משנה ברורה, עה, א-יג). די שטימע פון א פרוי ווערט אויך אנגערופן "ערווה". ובכן, יעדע פרוי וואס דער מאן טאר נישט האבן געשלעכט [סעקס] מיט איר טאר ער אויך נישט הערן איר זינגען, און וואס אן אמת, אפילו אויב מעג ער יא באגיין געשלעכט מיט איר, אויב אבער איז דאס צוהערן איר זינגען מיט א כוונה הנאה צוהאבן פון איר, מעג ער אויך נישט הערן איר זינגען, "כדי ער זאל נישט צוקומען צו טראכטן מחשבות פון זינד" (משנה ברורה עה, יז). פון דא פארשטייט מען אז פרויען טארן נישט זינגען ביי קיין שום ציבורישע פארזאמלונג, אדער זאגאר א פאמיליע פארברענג אין די אנוועזנהייט פון א פרעמדע מאן.

אויך איז כדי צובאמערקן: די הלכה איז נישט געזאגט געווארן נאר דוקא ווען די פרויען זינגען ניגונים וועלכע פארמאגן סעקסואלע קאנטענט [תוכן] -- גייענדיג אנגעטאן אין פארטיקיולארע פראוואקאטיווע אויסגעלאסענע קליידונג פון וועלכן סארט -- ענדליך צו די קאָנטעמפּראַרישע פּאָפּ זינגערינ'ס שאו-אויפטריטן. די פראהאבישען גייט אויך אן פאר צוועלף יעריגע מיידלעך, גייענדיג אנגעטאן מיט א לאנגע בלוזקע און פוסטער, בשעת ווען זיי זינגען די נאציאנאלע הימנע פון זייער לאנד. טראכסטו אז דאס איז שכל'דיג פארשטענדליך?

פיהלע רבנים אונזערע האבן פרובירט מסביר צו זיין די סיבה צו די אלע באגרעניצונגען וואס מיר לייגן אויף פרויען'ס סאציאלע לעבן, ווי למשל קליידער און זינגען, מיט די פסוק אין תהלים: "כל כבודה בת-מלך פנימה" (תהלים מה, יד). נעמליך, פרויען דארפן זיך אויפפירן צניעות'דיג נישט צוליב אונזער פחד פאר רעיפיסטס, און נישט צוליב די ברענעדיגע יצר הרע פון די מענער, נאר פשוט ווייל די פרוי איז ווי א מלכה, און די כבוד פון א פרוי איז אנגעהאנגען אין די דאזיגע קערפער-טיילן וואס זענען נישט אנטבלויזט צו די מענטשן, נאר פארבלייבן ענדישער אומגעזען. פאלגענד איז ווי די תלמוד ירושלמי ערקלערט עס:

'שבעה בנים היו לה לקמחית, וכולן שימשו בכהונה גדולה, שלחו חכמים ואמרו לה: מה מעשים טובים יש בידך [שהיית ראויה לשכר כזה]? אמרה להן [בלשון שבועה]: יבוא עלי [דבר רע] אם ראו קורות ביתי שערות ראשי [ללא כיסוי], ואומרת חלוקי [וראו את הקפל הפנימי של קצה בגדי]. מימיי אמרון [מאז אמרו]: כל קימחיא – קמח, וקמחא דקמחית – סולת [קמח משובח], וקרון עלה [ועליה דקלמו את הפסוק הבא]:

אידיש: 'זיבן קינדער האט קמחית פארמאגט, און אלע פון זיי האבן געדינט אלס כוהנים גדולים; האבן די חכמים געשיקט צו איר מיט א פראגע: וואספארא גוטע זאכן האסטו געטוהן אז דו האסט זיך פארדינט אזא גרויסע שכר? האט זי זיי געזאגט מיט א לשון פון א שבועה [שווערונג]: שלעכטס זאל מיר באפאלן, אויב האבן די באלקענעס פון מיין הויז געזען אמאל די האר פון מיין קאפ אנטבלויזט – אהן א צודעק; אדער די אינווייניגסטע העם פון די זוים פון מיין קלייד. פון דאן אן האט מען געזאגט: יעדע קימחיא – [אויך א לשון פאר 'מעהל'] איז מעהל, אבער קמחית'נס מעהל איז 'פיין-מעהל' [פיינערע מעהל וואס הייסט 'סולת'], און אויף איר האט מען רעציטירט די פאלגענדע פסוק: "כל כבודה בת מלך פנימה, ממשבצות זהב לבושה"' (ירושלמי, יומא

פ"א ה"א). "די גאנצע כבוד פון א קעניג'ס טאכטער איז אינעווענדיק, אין א קלייד פון אויסגעהאקטע גאלד איז זי געקליידעט.

פארשטענדליך אז נישט דערפאר האט קמחית זיך אויפגעפירט בצניעות וויבאלד זי האט מורא געהאט פון די באלקענעס פון איר הויז, נאר ווייל זי האט עס געהאלטן פאר איר כבוד, צו צודעקן איר גאנצע קערפער די מערסטע וואס מעגליך. אבערוויז דער פסוק וואס חז"ל ברענגען פון תנ"ך (תהלים מה, יד) זאגט גארנישט דאס וואס חז"ל פרובן מייחס זיין צו אים. ווייל דער פסוק באמת לייענט זיך נישט "כל כבוֹדה בת-מלך פנימה" [מיט א חוֹלָם], נאר "כל כבוּדה בת מלך פנימה" [מיט א שוּרוּק] און די ווארט "כבוּדה" באדייט "טשאטשקעס, א אוצר, טייערע זאכן", ווי אין שופטים (יח, כא): "ויפנו וילכו וישימו את הטף ואת המקנה ואת הכבוּדה לפניהם". – "אלזא האבן זיי זיך געקערט, און אוועקגעפארן, און זיי האבן געלייגט די קינדער, די פיה, און די טשאַטשקעס אינפארנט פון זיי". איז שוין דער רד"ק מסביר אין זיין פירוש אויף שופטים (יח, כא):

'ואת הכבוּדה, כתיב בוי"ו עם הדגש [סימן לתנועת שוּרוּק]... ופירוש ה"כבוּדה" – הכלים והמטלטלים'.

אידיש: 'ואת הכבוּדה – און די לאַסט, די וואו פון הכבוּדה איז געפינטלט מיט א שוּרוּק...און די טייטש פון 'כבוּדה' איז – כלים און מטלטלים [פערזענליכע ארטיקלען וואס מ'קען ארומרוקן פון איין ארט צום אנדערן]

נאכ'ן א קוק טאן אינעווענדיק אין קאפיטל מה אין תהלים, ווערט פלוצים אלעס פארשטענדליך. דער קאפיטל מאלט אראפ די הייראט צערעמאניע פון איין קעניג מיט די טאכטער פון א אנדערע קעניג.

"בנות מלכים ביקרותיך, נִצבה שגל לימינך בכתם אופיר. שמעי בת וראי והטי אזנך, ושכחי עמך ובית אביך. ויתאָו המלך יָפיֵךְ, כי הוא אדניך והשתחוי לו. ובת צֹר במנחה פניך יחלו עשירי-עם. כל כבוּדה [של] בת-מלך [מוכנסת] פנימה, ממשבצות זהב לבושה. לרקמות תובל למלך, בתולות אחריה, רעותיה מובאות לך" (תהלים מה, י-טו).

אידיש: 'טעכטער פון קעניגן זענען צווישן דיינע ערנהאפטיקע פרויען; צו דיין רעכטע האנט שטייט די קעניגן אין גאלד פון אופיר [רייכע פארטשטאט]. אה הער צו טאכטער, באטראכט און נייג צו דיין אויער: פארגעס דיין פאלק, דיין פאטער'ס הויז. דען די קעניג וועט גלוסטן דיין שיינקייט – ווייל ער איז דיין האר, אלזא ביק אראפ פאר אים. און די טעכטער פון צור מיט די רייכע פון צווישן דאס פאלק וועלן ברענגען פאר דיר א מתנה. אלע אוצרות פון די קעניג'ס טאכטער [כל כבוּדה בת מלך] ווערט אריינגעברענגט אינעווענדיק [פנימה], אין א קלייד [פארמירט] פון אויסגעהאקטע גאלד איז זי אנגעטאן. זי וועט געברענגט ווערן צום קעניג אין קליידער געניייעט פון נאדל-ווערק; ווירדזשינס [יונג-פרויען] פאלגן נאך איר, אירע קאמפאניענס ווערן געברענגט צו דיר'.

כלומר, די ריכטיגע אפטייטש פון פסוק "כל כבוּדה בת-מלך פנימה" איז: 'אלע אוצרות פון די קעניג'ס טאכטער ווערן אריינגעברענגט אין פאלאץ' – די באדינער פון די בת-מלך ברענגען אריין די נדן פון די כלה אינעווענדיג דורכאויס די חתונה צערעמאניע. אלזא איז קלאר, אז דאס האט קיין שום פארבינדונג נישט מיט די באשיידענע צניעות'דיקע אויפפירונג פון קמחית אדער אנדערע פרויען. מיר האבן פשוט ווידער אנגעטראפן זיך דא מיט איינע פון די פיהלע שיינע שעפערישע געדאנקען פון חז"ל אויפ'ן פסוק, וואס טרעט אבער למעשה אוועק פון די אנגענומענע פשוטע פשט אין פסוק, און פון די טראדיציאנאלע וועג וויאזוי ריכטיג אפצולערנען די טייטש פון די ווערטער לויט די נקודות אין פסוק.

צו פארענדיגן די טעמע פון א פרוי'ס סטאטוס אין הלכה, לאמיר זיך א מינוט צוריקקערן און באטראכטן די אישו פון ראטעווען א מענטשליכער לעבן פון טויט:

'האיש קודם לאישה להחיות [להצלתו ממוות] ולהשיב אבידה' (מסכת הוריות ג, ז).

אידיש: 'דער מאן קומט קודם די פרוי, צו ווערן געראטעוועט פון טויט, און אפצוגעבן זיין פארלוירענע חפץ'.

'ואם שניהם [איש ואישה] רוצים לטבוע [מדרדרים לקראת טביעה] בנהר, הצלת האיש קודם' (שולחן-ערוך, יורה-דעה רנב, ח).

אידיש: 'און אויב דערטרענקען זיך ביידע [די מאן און די פרוי] אינאיינעם, אויפאמאל, אין א טייך, דארף מען צוערשט ראטעווען די מאן' (שולחן-ערוך, יורה-דעה רנב, ח).

אויב זעהט עמיצער א מאן און א פרוי וואס האלטן אינמיטן זיך דערטרענקען אין טייך און ער קען נאר איינעם פון זיי ראטעווען, ברויך ער ראטעווען דעם מאן, פשוט פארדעם ווייל ער איז א מאן. אין שו"ת פרחי תשובה (יורה דעה, רנב, סעיף ז) ווערט געברענגט די פאלגנדע פסק-הלכה: אויב האבן גוים פארכאפט אין געפענגעניש א אינגל און א מיידל, און זיי ווילן זיי ביידע אפשמד'ן אבער זיי זענען מסכים צו באפרייען איינע פון די קינדער אין אויסטויש פאר א געלט-אפצאל – ברויך מען קודם אויסלייזן דעם אינגל. און דאס איז כאטש דעם פאקט אז די קינדער וואס די מיידל וועט געבוירן וועלן פארבלייבן אידן פון הלכה'דיקן שטאנדפונקט, כאטש זי איז געווארן אפגעשמד'ט, ובכן קומט אויס, אז אויב וועט מען אויסלייזן דעם מיידל וועט נאר איין איד פארבלייבן אין גויאישע הענט, אוועק פון אידישקייט, אבער אויב לייזט מען אויס דעם אינגל וועט דאס מיידל און אלע אירע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות פארפאלן ווערן צווישן די גוים, אויף אייביג. מיט דעם אלעם, איז מען מחויב, אין אזא פאל, אויסצולייזן נאר דעם אינגל. דאס איז דאך ממש נישט צום פארשטיין.

## דער איסור פון טראכטן אזעלכע געדאנקען וואס קענען פירן צו סתירות אין אונזער אמונה.

און צום סוף, שוין נאך אלע אויסגערעכנטע שאלות אויבן, וואס פייניגן מיר שטענדיג, געפין איך מיר אין א שטארקע קלעם, וויבאלד למעשה איז דאך אסור פאר מיר על פי הלכה צו טראכטן אפילו איבער די אלע קשיות און שאלות וואס נאגן מיר אזוי. און פארוואס טאקע? צו האבן דען חז"ל פארמאגט אזוי ווינציג אייגן זעלבסט-זיכערקייט וואס דערפאר האבן זיי אונז געאסר'ט צו טראכטן די סארט מחשבות וואס זענען עלול צו שטעלן אין פראגע צייכן, זייערע וועלט אנבליק?

מיר ווייסן אז דאס אליינס אז מיר פארמאגן די קאפעציטעט פון טראכטן און פארשטיין, דאס איז וואס פונאנדערשרייד צווישן אונז און דער חיה. און ווי רש"י'ס לשון אין בראשית (ב, ז): "ויהי האדם לנפש חיה", - "און דער מענטש איז געווארן א לעבעדיגע זעהל" אויך א חיה און א בהמה ווערן אנגערופן "נפש חיה", נאר דער מענטשנ'ס "חיה" איז דאס מערסטע "לעבעדיג" פון אלעמען, ווייל עס איז אים אויך געווארן געשאנקן די מעגליכקייט פון 'רעדן און פארשטיין'". צו זיין מער פונקטליכער וואלט זיך בעסער געפאסט צוזאגן אז דער מענטשנ'ס אייגנארטיגקייט ליגט אין דעם וואס ער האט די קאפעבילעטי צו פארשטיין אבסטראקט קאנצעפטן – אריינגערעכנט געוועלטיגן אין שפראך.

פונעם צווייטן זייט אבער, זענען דא קלאר בפירושע פסקי-הלכה:

'ולא עבודה זרה בלבד הוא שאסור להיפנות אחריה במחשבה, אלא כל מחשבה שגורמת לו לאדם לעקור [לעזוב, לנטוש, לערער על מעמדו של] עיקר מעיקרי התורה, מוזהרים אנו שלא להעלותה על ליבנו, ולא נסית דעתנו לכך ונחשוב ונימשך אחר הירהורי הלב' (הרמב"ם, הלכות עבודת-כוכבים [עבודה-זרה] ב, ג).

אידיש: 'און נישט נאר איז אסור צו טראכטן מחשבות פון עבודה זרה, נאר יעדע מחשבה וואס קענן גורם זיין פאר א מענטשן אויסצורייסן אדער איבערצולאזן איינע פון די עיקרי תורה [יסודיות'דיגע פונדאמענטליכע הלכות פון די תורה], זענען מיר אנגעווארנט דערויף זיי נישט ארויפצוברענגען אויף אונזער הארץ. מיר טארן נישט אפילו א טראכט געבן אויף אזעלכע געדאנקען, ווייל דאס איז אומשטאנד חלילה אונז נאכצושלעפן נאך אונזערע הערצער'ס שלעכטע מחשבות'.

'ואמרו [חכמינו] זכרונם לברכה שלא מחשבת עבודה-זרה בלבד אסורה, אלא כל מחשבה הגורמת לו לאדם לעקור דבר מן התורה. ובפירוש הזהיר הכתוב על זה במקום אחר, דכתיב "ולא תתורו אחרי לבבכם" (במדבר טו, לט)' (ספר החינוך, מצווה ריג).

אידיש: 'און אונזערע חכמים זכרונם לברכה האבן געזאגט: נישט נאר איז א מחשבה פון עבודה זרה אסור, נאר יעדע מחשבה וואס קען ברענגען א מענטש צו פארלאזן סיי וועלכע זאך פון די תורה איז אסור צוטראכטן דערפון. און די תורה האט אויף א אנדערע ארט בפירוש אונז אנגעווארנט דערוועגן, ווי ס'שטייט: "ולא תתורו אחרי לבבכם" – "איר זאלט נישט אפקערן זיך נאך אייערע הערצער".

'[יש] שש מצוות [ש]חיובן תמידי, לא יפסקו מעל האדם אפילו רגע אחד כל ימיו, וכל זמן וכל רגע שיחשוב בהן קיים מצוות-עשה, ואין קץ למתן שכר המצוות, ואלו הם.... ו) שלא נתור אחר מחשבת הלב וראיית העיניים, שנאמר: "ולא תתורו אחרי לבבכם"... ואמרו חכמים: "אחרי לבבכם" - זו אפיקורסות [כפירה], ... אפיקורסות [כפירה] הוא כל מחשבות זרות שהם היפך דעת התורה' (חפץ-חיים, ביאור ההלכה סימן א, ד"ה הוא כלל).

אידיש: 'אויף זעקס מצות איז דא א שטענדיגער חיוב, אז א מענטש זאל דאס אייביג טאן, און ניטאמאל א רגע אויפהערן. און יעדע צייט און רגע וואס ער טראכט דערפון איז ער מקיים א מצות-עשה, און עס איז נישטא קיין ענדע צו די שכר וואס מ'באקומט פאר'ן טאן דיזע מצות, און זיי זענען ווי פאלגנד....6) מיר זאלן זיך נישט קערן נאך די מחשבות פון די הארץ, און דאס זעהן פונעם אויג, ווי ס'שטייט: "ולא תתורו אחרי לבבכם"... און די חכמים האבן געזאגט: "אחרי לבבכם" - מיינט אפיקורסות [כפירה], ... אפיקורסות איז יעדע פרעמדע מחשבה וואס איז דאס פארקערטע פון די 'דעת תורה'.

וואס מ'קען ארויסנעמען פון דאס וואס וואס מ'האט ביז יעצט אראפגעברענגט, איז דאס די הלכה אבליגירט א מענטש זיך צוריקצוהאלטן פון טראכטן -- עפעס וואס איז דער רוקן-ביין פונעם מענטשן'ס נאטור -- נאר צוליב דער זארג אויב וועט א משהו מחשבה חלילה אונטערמינעווען צום מענטשן "געוויסע עיקרי תורה" וואס ער האט ביז היינט געהאלטן פאר ריכטיג. דערפאר רבי, וויל איך פארלייגן פאר אייך מיין ענדגליטיגע פראגע: איז טאקע אסור פאר מיר צו עקזאמענירן 'אידישקייט' מיט א קריטיש אויג? וועט דיין תשובה אויף די אלע פראגעס מיינע זיין, מיט א פשוטע טאן פון: "מיר טארן נישט טראכטן וועגן אזעלכע זאכן"?

## א סך הכול

צו מאכן א קורצע סך הכל, שטעלט זיך ארויס די פאלגענדע:

1. פארשידענע זאכן געשריבן אין די תורה טועהן קאנטרידיקטן היסטארישע און סייענטיפישע רעאליטעט: די מעשה פון די מבול, די מעשה פון די דור הפלגה אין בבל, למשל, אדער די אקאונט פון די שפן און ארנבת וועלכע זענען "מעלי-גרה". אזעלכע פאלשע אינפארמאציע איבער די מציאות קען פארשטייט זיך נישט דיסקרייבט ווערן צו א גאט – און דערפאר קומט אויס אז דאס גלייבן דאס די גאנצע תורה שטאמט פון א געטליכע מקור איז עפעס וואס געפינט זיך אין א שטארקע ספק.

2. דער סיפור פון א מאסן אויסוואנדערונג פון מצרים, לויט וועלכע 600,000 ערוואקסענע זכרים זענען אויף איינמאל ארויסגעגאנגען פון מצרים אינעם ערשטן העלפט פון די 2-טע מילעניום לפנה"ס, שיינט צו זיין א אויפגעטראכטע, קוקענדיג דערויף פון א היסטארישע פערספעקטיוו. און די זעלבע איז אויכעט געזאגט געווארן לגבי די מעשה וואס ווערט פארציילט איבער דער זעלבע גרופע מענטשן, דאס זיי האבן געוואנדערט אין מדבר סיני

פאר פערציג יאהר נאכדעם וואס זיי האבן פארלאזט מצרים, אדער די געשיכטע פון דאס איינעמען ארץ-כנען דורך די זעלבע גרופע וואנדערער נאך פערציג יאר וואנדערן אין מדבר. פשט איז, דער רוקן ביין פון די אידישע מסורה מאנגלט גאר שטארק אין היסטארישע ווערעפיקאציע.

3. עס געפינען זיך אהן א שיעור אינערליכע סתירות אין די געשריבענע טעקסט פון די תורה, און דאס איז א שטארקע באווייז אז די דאזיגע ספרים זענען באמת געשריבן געווארן דורך פארשידענע אנדערע מחברים, און כמעט זיכער אויך אין אנדערע עפאכעס.

4. די תורה-טעקסט אנטהאלט פיהלע אויסדרוקן אין פסוקים וואס טען רעפלעקטירן די פאקטישע לעבנסשטייגער פון צייטן אסאך שפעטער פון די צייטן וואס משה רבינו האט אנגעבליך כביכול געלעבט -- לויט די טעקסטן -- אינקלאדינג די דיסקריפציע איבער די ימי האבל וואס מ'האט געטרויערט נאך משה רבינו'ס טויט. פארשטענדליך אז ס'נישט מעגליך די דאזיגע פסוקים זאלן האבן געשריבן געווארן דורך משה אליינס – און ס'איז אפילו דא פון צווישן אונזער גדולים וואס שטיצן דער געדאנק. און אויב איז דאס די סיטואציע, דאן דארף מען פונדאסניי איבערקוקן דער אלטער גלויבן אונזערע, אז משה רבינו האט געשריבן די גאנצע תורה פון אנהויב ביז'ן סוף, מיט אדער אהן גאט'ס דיקטירונג.

5. למעשה האבן אסאך פון די נבואות'ער פון תנ"ך זיך ארויסגעשטעלט צו זיין פאלש, און דערפאר זענען די נביאים וואס האבן זיי געזאגט – אויך פאלשע נביאים – לויט די תורה. אלע פארזוכן צו ערקלערן פארוואס די נביאות'ער זענען למעשה נישט מקוים געווארן -- דורכ'ן למשל ארויפלייגן פארשידענע לימיטאציעס אויף ווען א נבואה דארף צושטאנד קומען און ווען נישט -- זענען נאך אלעמען נישט מער ווי תירוצים, וואס האבן אדער נישט קיין שום באזירונג אין די תורה, אדער מאכן זיי אויסקוקן – די תורה'ס תנאים וואס פארלאנגט זיך בודק צו זיין אויב א נביא איז גוט אדער נישט – אינגאנצן רענדאם, און פרינציפלאז. די גאנצע ענין פון נבואה ווערט נישט מער ווי א פראדוקציע פון האפענונגען און געדאנקען, אנשטאט ס'זאל זיין א איבערצייגנדע באווייז אויף גאט'ס אומקוקונג אויף די וועלט און א געטליכע אינספיראציע אויף די הייליגע סקריפטן.

6. די משנה און די תלמוד זענען בפירוש מודה אז חז"ל אליינס האבן באשטימט וועלכע ספרים זאלן ארייגערעכנט ווערן אין די תנ"ך און וועלכע נישט, און דאס – הונדערטע יארן נאכוואס די ספרים זענען געשריבן געווארן. א טייל פון די ספרים וואס זענען געשריבן געווארן אלס נבואה זענען אינקלאָדעט געווארן דורך די חכמים צווישן די כתבי-קודש, אבער א אנדערע טייל זענען איבערגעלאזט געווארן אינדרויסן, אדער באהאלטן געווארן. נאכמער, חז"ל האבן קיינמאל נישט מצליח געווען צוצוקומען צו א פאראייניגטע זיכערע מסקנא בנוגע די ספר בן-סירא – צי ס'ווערט געזען ווי א טייל פון די הייליגע סקריפטן אדער נישט. אלזא האבן מיר פאר אונז א בילד, אוואו מענטשן פון בלוט און פלייש באשטימען לויט זייער אייגענעם ווילן, וועלכע ספרים עס זענען געשריבן געווארן אונטער א געטליכע גייסט, און וועלכיגע נישט. ס'איז אבער נישט קלאר געגוי וואסערע תנאים זיי האבן באנוצט דערצו.

7. קאראספאנדיגלי (ענטשפרעכנד), וויבאלד איין מקור וועלכע גיבט חז"ל א קראפט צו קענען באשאפן תקנות און מנהגים, געפינט זיך אין ספר קוהלת – איינע פון די ספרים וואס חז"ל אליינס האבן פאריילעגט, און נישט

בעפאר עס האבן אויפגעשווימען מחלוקת'ער דערוועגן – איז דערפאר פשט אז זייער אויטאריטעט קומט נישט באמת פון א געטליכע מקור, נאר דאס האבן זיי חז"ל אליינס פאבריצירט כדי אז וואס זיי זענען דערנאך מתקן זאל האבן די פארלאנגטע סטאטוס.

8. אסאך פון די הלכות פון תורה שבעל-פה וואס חז"ל האבן א נאמען געגעבן "הלכה למשה מסיני", איז נישט ווירקליך געגיבן געווארן צו משה ביים מעמד הר-סיני, נאר איז באמת געמאכט געווארן דורך די חכמים אסאך שפעטער אין צייט, די פשט פונדעם איז אז דער טערמין "הלכה למשה מסיני" קומט נישט באמת אידענטיפיצירן הלכות וועלכע זענען פאקטיש געגיבן געווארן צו משה אויף'ן בארג סיני, נאר רעפערירן צו די הלכות וואס חז"ל זעלבסט האבן מחדש געווען און, וואס האבן דיזע הלכות געגיבן א פאבריצירטע לעגאלע-טעאלאגישע סטאטוס.

9. די אויטאריטעט פון די חכמים ארויפצולייגן גזירות וועלכע טוען מחייב זיין גאנץ כלל ישראל צומאכן "א סייג און א גדר [צוים] ארום די תורה" אזוי ארום צו דערווייטערן פון הארבערע הלכות, שיינט צו זיין א אייגענע פאבריקאציע פון חז"ל אליינס. ס'נישטא צוטרעפן קיין שום הסבר אדער מעגליכע מקור וואס זאל גיבן חז"ל אזא אויטאריטעט, אין ערגעצוואו אין די תורה.

10. עס איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס משער צו זיין אז געוויסע דרשה'לעך פון חז"ל אין די פסוקים פון תורה שבכתב, אדער אז די "וועגן [מידות/כללים] מיט וועלכע די תורה קען געדרשנ'ט ווערן" איז געגעבן געווארן פון גאט צו משה אויף די בארג סיני, ווי עס טענה'ט דער רמב"ם. דאס מיינט אויך צוזאגן אז אלע פירושים פון די חכמים אויף די פסוקים אין תורה שבכתב, און די הלכות וועלכע ווערן ארויסגעלערנט דורכדעם, זענען איינפאך זייערע אייגענע אויפטוהאונגען געבויעט אויף זייערע אייגענע מענטשליכע פראדוקטיווע מח און שכל.

11. טראצדעם וואס דער רמב"ם טענה'ט אז געוויסע הלכות, -- געזעצן, טייטשן, און ערקלערונגען זענען געגעבן געווארן דורך גאט צו משה אויף סיני מיט'ן תנאי אז מ'זאל זיי אריבערפירן מונדליך [בעל-פה] במשך די דורות, -- איז דער דאזיגער טענה א גאר פעלערהאפטיגע, און א שווערע זיך צו פארלאזן דערויף, וויבאלד מיר האבן שטארקע שאנסן צו גלויבן אז די מסורות מיט וועלכע מיר זענען באקאנט זענען שטארק פארדרייט געווארן במשך די יארן, און זענען שוין מער נישט די ארגינעלע דברי אלוקים.

12. אסאך פון אונזער גרויסע גדולים האבן אדאפטירט א מהלך, וועלכע טענה'ט אז "אמת" מיינט נישט דוקא "א מעשה" לויט וויאזוי די פאקטן פון די מעשה זענען זיך פארלאפן, נאר "אמת" איז פשט – עפעס, וואס מחמת זייענדיג אונטערן השפעה פון א געטליכע גייסט – ברענגט עס דערפאר, די פארלאנגטע גינסטיגע רעזולטאטן. אויב איז דאס די אוניווערסיאלע אידישע רעליגיע'ס קאנצעפט פון "אמת", דאן קען מען זיך נישט פארלאזן א טראפ אויף אזא מין טראדיציע, וואס פארנעמט א חלק פון די רעליגיע, ביי די רבנים מיט אט דעם שיטה.

13. לויט דער תלמוד אליינס, איז עדות מפי השמועה [א עדות וואס האט געהערט] נישט גענוג באגלייבט אויף צוקענען געבן וואלידיטעט אויף סיי וואס איז פארבינדן מיט די געזעצן אין די תורה. אין ליכט פונדעם, וועט

אויסקומען אז די מסורה איבער די יציאת-מצרים, און מעמד-הר-סיני – וואס איז כהיום נישט מער ווי א עדות מפי השמועה – איז נישט גענוג שטארק צוקענען דינען אלס עדות אויף די ריכטיגקייט פון די תורה זעלבסט.

14. די געשיכטע איבער א "געטליכע התגלות" פארנט פון מאסן מענטשן איז נישט יוניק צו די אידישע גלויבן: באריכטן איבער א "מאסן אנטפלעקונג" טרעפן זיך אויך אין אונזערע צייטן, דאסמאל אבער געהערט דער גייסטליכער צו אן אנדערע רעליגיע. די אלע 'רעוועלעישאנס' קען מען בעסער ערקלערן מיט מאסן פסיכילאגישע טערמינען, ווי איידער מיט טעאלאגישע/רעליגיעזע.

15. די אידישע מסורה טענה'ט אז זי פארמאגט א פילפארביגע פונקטליכ-דאקומענטירטע היסטאריע און איז פולשטענדיג באקאנט וויאזוי זי איז אריבער געגאנגען פון דור צו דור. אבער די געשיכטעס פון די אידישע מסורה איבער וויכטיקע הויפט כאראקטערן אין לויף פון איר היסטאריע, ווי למשל עזרא און נחמיה, די אנשי כנסת הגדולה און שמעון הצדיק, זענען היבש פארדרייט, און צומאל גענצליך פאנטאזירט. דאס טוהט שטארק אונטערגראבן די קראנטהייט פון די טראדיציע'ס היסטאריע.

16. די אידישע גלויבן טענה'ט אויך נישט אז זי פארמאגט א מאסן-מסורה, לגבי די תורה און די מצות, אזאנס וואס ציהט זיך פון אנהויב און איז קיינמאל נישט איבערגעהאקט געווארן לענגאויס די אלע דורות. ביידע, די תנ"ך און אירע קאמענטאטערס זענען מודה אז במשך פון לאנגע תקופות איז די מסורה פארגעסן געווארן דורך די מערהייט פון כלל ישראל, סיידן אפאר יחידי סגולה – אפאר ספעציעל-געהויבענע אינדיווידואלן. ובכן קען מען אצינד אייניג זאגן, איינע פון די פאלגנדע צוויי מעגליכקייטן: 1) יענע יחידי סגולה האבן ווידער אויפגעלעבט א אלטע אמת'דיגע מסורה; אדער 2) יענע יחידי סגולה האבן געשאפן א יש מאין – א עפעס פון גארנישט. זיי האבן באשאפן א נייע סיסטעם פון גלויבונגען, מעשה'לעך און מצות, און זיי פארגעשטעלט פאר די מאסן ווי כאילו א אלטע פריעדיקע מסורה, און דער "פריעדיקער מסורה" איז דערנאך אנגענומען געווארן, צוליב סיי וועלכע סיבה, ביי רוב דאמינירנדע קרייזן אינערהאלב דעם אידישן באפעלקערונג.

17. למעשה, כאטש טענות אויף פארקערט, האבן די אידן פאקטיש נישט קיין מאסן-טראדיציע בנוגע יציאת-מצרים און מעמד הר סיני. אלץ וואס מיר פארמאגן היינט איז בלויז די נארעטיוו וואס די תורה פארציילט אונז בנוגע די געשעהענישן. ממילא איז קלאר אז מ'קען נישט תיכף גלויבן די דאזיגע פאסירונגען איידער מ'איז גוט בודק קודם איר ריכטיגקייט. האָעוועך, די קאנטעמפארארישע מסורה וואס מיר אידן פאראגן איז באזירט ממש נאר אויף די געשיכטע ווי געשריבן אין די תורה, באגלייט מיט א היבשע מאס פירושים פון די שפעטערדיגע רבנישע ליטעראטור. אין די מסגרת פון די אידישע מסורה איז נישטא קיין שום אנדערע מקור פון די יציאת-מצרים און הר-סיני אקאונט, אויף וועלכע מיר זאלן קענען באזירן זיך אז די דאזיגע פאסירונגען זאלן ווירקליך האבן געשען -- צי זאל עס זיין א מונדליכע אקאונט וועלכער גייט איבער פון דור צו דור בעל פה, -- צו א אומאפהענגיקע געשריבענע קוואל – וועלכע זאלן באשטעטיגט די זעלבע אקאונט ווי געשריבן אין די תורה.

18. ריכטיג, מיר טרעפן טאקע אידישע אקאונט'ס פון דעם עקסודעס צוריק אין די גאר ווייטע פארגאנגענהייט, אבער זיי זענען גאר ווייט פון די מסורה אין די תורה, און זיי קאנטערעדיקטן די תורה'ס אקאונט, אין אסאך הויפט

וויכטיגע דעטאלן, און דאס ברענגט אונז ווידער אריין אין א שטארקע ספק בנוגע דער אלגעמיינער אנגענומענער קאנצעפט פון "א פאראייניגטע אידישע מסורה".

19. ס'נישטא קיין דעפענירטע באשטימטע מסורה מיט די איינצעלהייטן איבער פונדעמענטאלע עיקרים אין אונזער אמונה, ווי למשל וואס פונקטליך די בני-ישראל האבן געהערט פון גאט בשעת'ן מעמד הר סיני אדער בנוגע וואס געגוי די טעקסט פון די עשרת הדברות האט אייגענטליך אנטהאלטן. אויב וואלט די אידישע טראדיציע ווירקליך געווען עכט-היסטאריש, וואלטן אזעלכע וויכטיגע איינצעלהייטן דאך זיכער געדארפט ערגעצוואו קלאר פארשריבן ווערן, און יעצט אז ס'הערשט א שטרייט אין וועלכע די פריעדיגע זענען צוטיילט איבער וואס פונקטליך ס'געווען געשריבן אין די עשרת-הדיברות, איז דאך דאס אליינס א ראיה אויף די פעלערהאפטיגע אויטענטישקייט אין די היסטאריע פון אונזער מסורה.

20. אויך האבן מיר נישט קיין קלארע מסורה אפילו איבער די טעקסט פון די תורה זעלבסט:מיר ווייסן אז די תורה איז אריבער גרויסע ענדערונגען דורכאויס די לעצטע 2300 יאהר. אורטיילענדיג לויט די טוישונגען וואס מיר זענען יא באקאנט מיט, קען מען רוהיג ארויסנעמען אז די תורה פון די ענדע תקופת בית-שני איז באדייטנד אנדערש געווען פון די תורה וואס מיר לייענען היינט אין אונזערע שוהלן.

21. עס עקזעסטירן הלכה'דיקע טראדיציעס אלט א מילעניע, וועלכע שטימען נישט מיט די טראדיציעס פון די תורה שבעל פה פון אידישע ארטאדאקסיע. דאס מיינט אז זיך פארלאזן אויף "הלכה למשה מסיני", ווי אלס חלק פון תורה שבעל פה איז פשוט אום-שכל'דיג.

22. פון די פשוטע טעקסט אין די תורה איז משמע אז אפילו אין די צייטן פון די בית-המקדש, ווען די בית דין הגדול שבירושלים איז געשטאנען, האבן די חכמים אויך נישט געהאט א געטליכע אויטאריטעט אויפצומאכן הלכות באזירט אויף זייערע אייגענע אויסטייטשונגען פון די תורה שבכתב, און זיכער האבן זיי נישט געהאט קיין כח צו קענען פסק'ענען הלכות וואס טוען אפן גיין אקעגן די פשוטע באדייט פון די ווערטער אין תורה שבכתב.

23.פון די פשוטע טעקסט אין די תורה איז משמע, אז פון נאך די חורבן בית המקדש, -- ד.ה. נאכדעם וואס עס איז חרוב געווארן דער "מקום אשר יבחר ה' אלקיך בו" און די רעליגיעיזע קערפערשאפטן ארום האבן אויפגעהערט פונקציאנירן, -- האבן מער נישט די הלכות פון די משנה און די תלמוד דער כח און אויטאריטעט צו מחייב זיין גאנץ כלל ישראל.

24. די איינציגסטע ראציאנאלע ארגומענט וואס דער רמב"ם ברענגט אלס א רעכטפארטיגונג צו די קראנטליכקייט פון די תלמוד בבלי איז דאס אז גאנץ כלל ישראל האט איר אנגענומען. דאס איז דאך געוואלדיגע באוויז אז דער אויטאריטעט וואס די חכמים האבן געהאט, שטאמט נאר פונדעם וואס די מענטשן האבן אנגענומען זייערע פסקי הלכה און נישט צוליב וואס דאס איז געווען א געטליכער באפעהל, אשר על כן, וואס איז דער חילוק אויב אזוי צווישן די הלכה רייד אין דער תלמוד צו געזעצן וועלכע ווערן געמאכט און איינגעשטעלט אין יעדע מדינה דורך אירע געזעץ-געבער.

25. די חכמי המשנה והתלמוד זענען לאו דוקא געווען איסערגעווענליכע אינטעלעקטועלע קלוגע לייט. נישט נאר האבן זיי א טעות געמאכט אין די איינצעלהייטן פון די מציאות'ער אין פאקטישן לעבן, נאר זייערע גאנצע וועג און מעטאד וועלכע זיי האבן גענוצט צו קענען לערנען רעאליטעט איז עפעס וואס מיר זעהען היינט פאר פאלש. זיי האבן נישט געזוימט צו אינטערדוסן פאנטאזיע אלס דער טעמע פונעם פסוק, און וועלכע זאל דינען אלס באוויז צו די גרונדשטיין פון אמונה. זיי האבן נישט באזירט זייערע פסקי-הלכה אויף די ווירקליכקייט ווי עס איז, נאר זיי האבן פארדרייט די מציאות כדי עס צומאכן שטימען מיט זייערע הלכה-אורטיילן וועלכע זיי האבן שוין געהאט באשטימט פון פארדעם. אפילו מיר זאלן שוין אנערקענען אז אונזערע חכמים זענען נישט ריין פון טעותים (ווי אונזערע מקורות זענען טאקע מודה), מוז מען אבער מודה זיין אז דער צוגאנג איז נישט לאגיש ווען עס קומט צום מציאות, ספעציעל אויב רעדט זיך עס פון אזעלכע הלכות וואס זענען אקטועל אויף למעשה – אין פראקטיק, און דער רעאליטעט מוז דערפאר, אויך גענומען ווערן אין באטראכט.

26. א חלק פון אונזערע חכמים און אזוי אויך אסאך ראשונים און אחרונים, האבן פאראויסגעזאגט אויף משיח'ס אנקום, אנגעהויבן פונעם יאהר 490 לספירה ביז'ן יאהר 1990 לספירה. די אלע נביאות'ער זענען נישט מקוים געווארן. די גרויסע צאל נבואות'ער פון דעם סארט, -- די לייכטקייט מיט וועלכע זיי זענען געזאגט געווארן, -- און דער פאקט אז די אלע פרעדיקטארן וועלכע האבן זיי פאראויסגעזאגט, האבן אין אלגעמיין אכטונג געגעבן אז די דאטום פון די גאולה זאל גיפאלן אין א צייט ווען זיי זענען זיכער שוין נישט ביים לעבן -- טוט פארשלאגן אז אונזערע רבי'ס האבן נישט באהאנדלט דעם אישו מיט א ערנסטקייט, וויסענדיג אבסעלוט ווען עס וועט קומען די זמן-הגאולה, נאר ענדישער בלויז מיט אזא סארט פאנטאסטישע הפענונג און אפטעמיסטישע געפיהלן – אבער זיי זענען געוווינט באווארנט געווען אובאכט צוגעבן נישט געכאפט צו ווערן מיט זייער טעות אין פאל זייערע פרעדיקשאנס וועלן נישט פארווירקליכט ווערן.

27. א טייל פון די סטעיטמענטס געמאכט ביי חז"ל גיבן א שטארקע אנצייגונג אז זיי האבן זיך נישט באצויגן צו די חמשה-חומשי-תורה ווי געגעבן געווארן ווארט-ביי-ווארט דורך גאט אליינס, וואס מיינט אז די איצטיגע ארטאדאקסישע אמונה וואס גלויבט אין די געטליכע מקור פון יעדע אות אין די תורה, איז עפעס וואס האט זיך בלויז געבילדעט אין א פיהל שפעטערע תקופה.

28. עס שיינט צו זיין גאר ווייניג גרונט אנצונעמען אז חז"ל זענען אלע געווען אויסטערליש מאראלישע מענטשן. געוויסע סטעטימענטס זייערע, וועלכע ווערן געברענגט אין דער תלמוד, טוען גאר שטארק פארשעמען געגן פארשידענע טיילן פונעם באפעלקערונג. זיכער טוט דאס נישט וויזן אויף איבריגע מאס מאראל מצד פון דיע וואס האבן זיי געזאגט.

29. אסאך הלכות טוען דיסקרימינירן צום שלעכטן אקעגן גוים, פרייע אידן, און פרויען אין א גאר ברוטאלע און אוממענטשליכן אופן. ס'לאזט זיך נישט גלייבן אז א רעכטפארטיגע און פערפעקטע גאט זאל פערזענליך ארויסגעבן, אדער באגייסטערן אנדערע ארויסצוגעבן, געזעצן וואס טוען אזוי הארב פוגע זיין אין רוב פון די מענטשהייט.

30. עס זענען פאראן געוויסע דינים וואס טוען פארבאטן דעם מענטשן פון טראכטן איבער ספעציפישע טעמעס. איך וואלט געזאגט אז אויב וואלט דער אידישער ארטאדאקסישער אמונה טאקע געווען אזוי לאגיש און פארשטאנדיג, דאן וואלט איבעריג געווען צו אסר'ן מענטשן זיך צו באנוצן מיט זייער לאגיק כדי צו טעסטן די בעסיק פרינציפן פון זייער גלויבונג.

אלץ וואס איז געזאגט געווארן ביז אהער, -- געשריבן נאך מיין איבערמידליכע פרוכטלאזע זוך, פאַר פאזעטיווע באוויזן וואס זאלן מיך קענען איבערצייגן אין די ריכטיגקייט פון אונזערע אמונה און אין די ריכטיגקייט פון די מסורות וועלכע דינען אלץ גרונטשטיין צו אונזער רעליגיע, -- פארשווערט מיר גאר שטארק צו בלייבן א ראציאנאלער און אינטעלעקטואלע אויסגעהאלטענע מענטש און צו דער זעלבער צייט אויך גלייבן אז די תורה איז פון הימל, און פארצוזעצן אפצוהיטן אלע הלכות פון חז"ל. מיינע פרובן ביז היינט צו באקומען א ענטפער אויף אלע מיינע קשיות, זענען דורכגעפאלן, און דערפאר װענד איך מיר צו אייך פאר הילף. איך בין זיכער אז עס געפינען זיך נאך אידן וועלכע טראגן זיך ארום מיט ענליכע פראגן, און דיינע געלערנטע קלוגע ענטפערס וועלן זיכער קענען דינען אלס ריכטיגע וועג-ווייזער פאר אונז אלע.

װארטנדיג פאר אן אנטװארט

נפתלי